STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11197

HENSHEL FUHRMAN

Gerhart Hauptmann

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

SCIENTIFIC INSTITUTE

גערארד הויפטמאן.

הענשעל פוהרמאן.

יודיש פון

ה. ד. נאמבערג.

פערלאג:
„ב. שימין".

ווארשא,
תר"ע.

מאשינען-זאץ-דרוקעריי פון נ. ראזענפעלד, ווארשא, פאנסקא נומ׳ 20.

Типографія „Гацефира" Панская 40

The Jewish Book Store
Pittsburgh, Pa.

אַלע רעכטע פאָרבעהאַלטען .
צענזורירטע עקזעמפּלאַרען פיר די ביהנע , —
צו בעקומען ביים פערלעגער .

פערזאנען:

העגשעל פוהרמאן.

פרוי הענשעל.

האננא שעהל (שפעטער הענשעלס ווייב).

בערטהא.

וואלטער, א פערד=הענדלער.

זיבענהאר.

קארל, זיין יונגעל.

ווערמעלסקירך.

פרוי ווערמעלסקירך.

פראנציסקא, זייער 16=יעהריגע טאכטער.

היפפע.

פראנץ.

געארג.

פאבי.

מייסטער הילדעבראנד.

גרונערט, א וועטערינאר.

פייער=לעשער.

ערשטער אקט.

אַ פֿויערשער צימער אין אַ קעלער, אין גאַסט־הויז „צום גראָען שוואַן‟. דורך די צוויי פֿענסטער פֿון אויבען לינקס שלאָגט אריין די טונקעלע שיין פֿון אַ ווינטערדיגען נאָך־מיטאָג. אונטער די פֿענסטער שטעהט אַ הילצערן בעט, געל־פּאָליטירט, דערין ליעגט קראַנק די הענשעליכע. דאָס איז אַ פֿרויען־צימער פֿון אַ יאָהר 36. נישט ווייט פֿון בעט — אַ וויעג, דאָ ליעגט איהר האַלב־יעהריג טעכטער'ל. אַ צווייט בעט ביי דער הינטערשטער זייט. די ווענד זענען בלאָה געמאָהלט, ביי'ם סוֹפיט — אַ טונקעלער פּאַס. רעכטס פּאָרנט —, אַ גרויסער קאַפּעליער אויווען און אַ באַנק. דער אויווען איז פֿול אָנגעפּאַקט מיט האָלץ, צעהאַקט אויף קליינע שטיקלעך. רעכטס — אַ קליינע טהיר אין קעמעריל אַריין. האַננאַ שעהל, אַ יונגע, געשיקטע, גוט־געבויעטע דיענסט, איז זעהר פֿער־נומען. זי האָט אַראָבגעוואָרפֿען פֿון די פֿיס די הילצערנע פּאַנטאָפֿעל, וואָס שטעהען יעצט ביי דער זייט, און לויפֿט אַרום אין שטוב אין גראָבע בלאָע זאָקען. זי נעהמט אַרויס פֿון אויווען אַנ'אייזערנעם טאָפּ, וואו עפּיס קאָכט זיך, און שטעלט איהם צוריק אויפ'ן אָרט. איהר ספּאָדניצע איז צוזאַמענגעבונדען אין אַ קנויל, דער קאָרסעט שוואַרץ־גראָה, פֿעסטע אָרעמעס נאַקעט. דעם אויווען אין דער הייך רינגעלט אַרום אַ פֿיערקאַנטיגער דראָנג. אויף איהם טריקענען זיך די אַזוי־גערופֿענע „יעגער־זאָקען‟, הויזען און הויכע שטיוועל. רעכטס פֿון אויווען — אַ שלאַבאַן און אַ שאַנק. דאָס דאָזיגע מעבעל איז אַלט, קאָליערט, אין שלע־זישען סטיל. דורך די אָפֿענע טהיר אין דער הינטערשטער וואַנד זעהט מען אַ פֿינסטערען ברייטען קאָרידאָר, און אַנטקעגען — אַ שויבען־טהיר מיט קאָליערטען גלאָז. אונטער די טהיר — הילצערנע טרעפּען, וואָס פֿיהרען אין דער הויך אַרויף...

הענשעל סוהרמאַן.

אויף די טרעפּען ברענט ליכט שטענדיג דער גאַז. און דורך די שויבען שלאָגט דורך אַן אָבשיין פון פייער. ענדע סעכדואר. אין דרויסען איז אַ זאַווערוכע. פראַניק, אַ יונגער יונג אין אַנ'איינפאַכען קאָסטיום פון אַ סוהרמאַן, אָנגעטהאַן גרייט צום פאָהרען, קומט אַריין.

פראַניק. האַננאַ!

האַננאַ. וואָס?

פראַניק. די הענשעליכע שלאָפט?

האַננאַ. וואָס ווילסטו דאָרט? מאַך נישט קיין געררודער!

פראַניק. נישקשה, די טהיר האַקט אַזוי אויך. סײַ־ווי־סײַ האָט מען זי שוין אויפגעוועקט. איך פאָהר קיין וואַלדענבורג מיט דער קאַרעטע.

האַננאַ. מיט וועמען פאָהרסטו?

פראַניק. די מאַדאַם פאָהרט איינקויפען אויף דעם געבורטס־טאָג.

האַננאַ. וועמעניס געבורטס־טאָג דאָרט?

פראַניק. קאַרל'ס.

האַננאַ. שענע פאַרזשאַנדקעס אַ ביסעל. איינשפּאַנען פערד פאַר אַ קליינעם גאָר־נישט. איך פערשטעה נישט, זאָל איך אַזוי לעבען, ווי פאָהרט מען אין אַזאַ וועטער קיין וואַלדענבורג.

פראַניק. איך האָב אַ פוטער.

האַננאַ. זיי האָבען שוין נישט וואו דאָס געלד אַרויסצוּוואַרפען. און מיר דאַ מוזען האָרעווען שווער און ביטער.

(עס קומט אַריין דער וועטערינאַר גרונערט, ער געהט פאַמעליך, טאַפּענדיג מיט די הענד אין קאָרידאָר. אַ קליינער מאַנספערשוין אין אַ שוואַרצען קאַפּוט, אויפ'ן קאָפּ אַ באַשליק, דערינטער אַ היטעל, הויכע שטיוועל. ער גיט אַ קלאַפּ מיט אַ נאַגייקע אין דער ראַם פון טהיר, געבענדיג צו וויסען וועגען זיך).

גרונערט. נישטאָ הענשעל?

האַננאַ. וואָס דאַרפט איהר?

גרונערט. איך בין געקומען וועגען דעם קאַשטאַן.

האַננאַ. דאָס זענט איהר דער דאָקטאָר פון פרייבורג? הענשעל איז נישטאָ. ער איז געפאָהרען קיין פרייבורג מיט סחורה. איהר האָט איהם געדאַרפט טרעפען אויפ'ן וועג.

גרונערט. אין וועלכער שטאַהל שטעהט דער קאַשטאַן?

האַננאַ. דאָס איז דער גרויסער מיט דער לאַטע. די שטאַלען זענען דאָ באַלד אויפ'ן הויף. (צו פראַניק'ן) וואָלסט געקענט געהן ווייזען דעם העך.

פראַניק. זאָל דער הער געהן גלייך הורכ'ן הויף, די שטאַל איז הינטער דער סאַלע, אָט אַנטקעגען דער וואוינונג פון אָנטרייבער. זאָל דער הער פרעגען פרידריכ'ן, ער וועט שוין ווייזען וואו.

(גרונערט געהט אַרויס.)

האַננאַ. געה דו מיט!

פראַניק. האָסט נישט עטליכע גראָשען?

האַננאַ. וואָס נאָך? די הויט זאָל איך פערקויפען פאַר דיר?

פראַניק (קיצעלט זי). איך וועל זי קויפען — דיין הויט.

האַננאַ. שטיל! די בעל-הבית'טע וועט אויפקומען. נאָר אויסצאַפּען אַ פּאָר צעהנערליך קומט ער. אַניט לאָזט ער נישט לעבען. נאַ! (רוקט עפּיס אין זיין האַנד אַריין) און יעצט — מאַרש, טראָג דיך אָב!

(עס קלינגט.)

פראַניק. (דערשראָקען) דער הער! אַדיע! (אַנטלויפט).

די הענשעליכע. (וועקט זיך און רעדט מיט אַ שוואַך קול) מיידעל! מיידעל! מיידעל! הערסט נישט, מיידעל?

האַננאַ. (גראָב) וואָס איז?

די הענשעליכע. הערסט דו נישט, אַז איך רוף דיך?

האַננאַ. איך בין נישט טויב; אַז די בעל-הבית'טע רעדט אַזוי שטיל, קאָן איך נישט הערען. איך האָב נישט מעהר ווי צוויי אויערן.

ד י ה ע נ ש ע ל י כ ע. האַננאַ! הייבסט שוין ווידער אָן מיט דיין פערשייטער צונג!

ה אַ נ נ אַ. ווי עס געפעלט אייך, מאַדאַם.

ד י ה ע נ ש ע ל י כ ע. שען אַזוי אַרויסצוזאָגען מיט'ן אָפּענעם פּיסק ביי אַ קראַנקער פרוי?

ה אַ נ נ אַ. ווער הייבט דען אָן, אַז נישט איהר? קוים מאַכט איהר אויף אַ'אויג, מוזט איהר באַלד אָנהויבען צו זידלען. וואָס מען זאָל נישט טהון איז מען אַלץ נישט יוצא קעגען איהר.

ד י ה ע נ ש ע ל י כ ע. אַז דו פאָלגסט נישט, וואָס מען הייסט.

ה אַ נ נ אַ. זאָל זיך די מאַדאַם אַליין בעסער טהון פאַר מיר. אַ מענש האָרעוועט אַ גאַנצען טאָג און אַ האַלבע נאַכט. איידער מען זאָל מיט מיר אַזוי רעדען, וועל איך מיר ליעבער געהן מיין וועג. (בינדט אויף די ספּאָדניצע און לויפט אַרויס.)

ד י ה ע נ ש ע ל י כ ע. מיידעל! מיידעל! (אַ פויזע.) אוי מיין לעבען... וואָס פאַר אַ בייזעס האָב איך איהר געזאָגט? אָה, גאָט דו מיינער! וואָס וועט זיין, אַז די מאַנספּערשוינען וועלען קומען. זיי וועלען בעטען עסען — מיידעל, מייד — (פאַלט צוריק מיעד, קרעכצט שטיל און וויעגט די וויעג דורך אַ שנירעל.)

ק אַ ר ל. (קומט אַריין קוים וואָס ער געהט דורך די אונטערשטע גלעזערנע טהיר. טראָגט אַ טאָפּ יאָך, בעוועגט זיך פאַרזיכטיג, מיט שרעק, געהט צו צו דער הענשעליכעס בעט, שטעלט אַנידער דעם טאָפּ אויף דעם הילצערנעם בענקיל.)

ד י ה ע נ ש ע ל י כ ע. קאַרל, דו ביסט דאָס? וואָס האָסטו געבּרענגט?

ק אַ ר ל. יאָך. די מאַמע גרוסט און ווינשט אַ רפואה שלמה, און עס זאָל אייך וואויל בעקומען.

ד י ה ע נ ש ע ל י כ ע. מיין יונגעלע, וואָס פאַר אַ גוטער דו ביסט! אַ היהנערנע יאָך, זאָל איך אַזוי לעבען. זאָג דער מאַמען, אַז איך דאַנק איהר זעהר. וועסט נישט פערגעסען? און איצט הער! ווילסט מיר טהון אַ טובה? שטעל דיך אַרויף אויף דער באַנק און רוק צו נעהנטער דעם אייזערנעם טאָפּ. דאָס מיידעל איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט איהם געלאָזט שטעהן צו טיעף אין דער רייהר.

ק אַ ר ל. (געהט גערן אַרויף אויף דער באַנק, קוקט אַריין אין דער רייהר און פרעגט:) וועלכער טאָפּ, איך בעט אייך, דער

שוואַרצער, צי דער בלאָער?

קאַרל. זייער קרויט.

די הענשעליכע. וואָס איז דאָרט אין בלאָען?

די הענשעליכע. (געקרענקט) רוק איהם באַלד אַרויס. עס וועט זיך איבערקאָכען. מיידעל, העי, מיידעל?

קאַרל. (האָט אַרויסגעצויגען) גוט אַזוי?

די הענשעליכע. קאָנסט איהם לאָזען אַזוי. קום נאָר אַהער, איך וועל דיר געבען אַ ריהמענט צו אַ בייטש (נעהמט אַראָב פון פענסטער און גיט איהם). וואָס מאַכט די מאַמע?

קאַרל. זי איז געפאָהרען קיין וואַלדענבורג איינקויפען אויף מיינע אימענינעס.

די הענשעליכע. מיר איז זעהר שלעכט, קינד-לעב, איך וועל אודאי שטאַרבען.

קאַרל. ניין! ניין! איך בעט אייך!

די הענשעליכע. יאָ, יאָ, גלויב מיר, קינד מיינס, איך וועל שטאַרבען. זאָג דער מאַמען, אַז איך האָב אַזוי געזאָגט.

קאַרל. איהר ווייסט? איך וועל בעקומען אַ באַשליק.

די הענשעליכע. יאָ, יאָ! גלייב מיר. קום צו נעהנטער. שטיל! האָרך! הערסט, ווי ס'קלאַפּט? הערסט ווי ס'קלאַפּט אין דעם הוילען בוים?

קאַרל. (וואָס די הענשעליכע האַלט איהם פאַר דער האַנד). איך האָב מורא, איך בעט אייך.

די הענשעליכע. האָב נישט מורא, וואָס איז דער-מעהר? אַלע וועלען מיר אַמאָל שטאַרבען. הערסט ווי ס'קלאַפּט, הערסט? דאָס קלאַפּט דער וואורם פון טויט אין מיין האַרץ: (פאַלט צוריק.) איינס — צוויי — אוי מיידעל, מיידעל!

קאַרל (וואָס זי האָט אָבגעלאָזט זיין האַנד, געהט אַרויס אין שרעק. ווען ער נעהמט אָן די קליאַמקע פון דער שויבען-טהיר בעפאַלט איהם פלוצלונג אַ גרויסע אימה. ער פראַלט אויף די טהיר מיט געוואַלד און פערהאַקט זי, אַז די שויבען קלינגען אַזש. באַלד הערט מען אין דרויסען אַ פאַכען פון בייטשען. אונטער דעם איינדרוק פון די קולות האַפּט זיך די הענשעליכע ראַפּטום אויף.)

די הענשעליכע. דער אַלטער געהט.

הענשעל. (מען זעהט איהם נאָך נישט, אין קאָרידאָר)

ט, וואָס וועט מען מאַכען מיט דעם קאַשטאַן, דאָקטאָר?
(בעווייזט זיך אין טהיר צוזאַמען מיט גרונערט'ן.)

גרונערט. מען קען צו איהם נישט צוגעהן. מען וועט איהם מוזען אַהערציהען.

הענשעל. (אַ מאַנספּערשוין פון אַ יאָהר 45, געבויט ווי אַן'אַטלעט, אין אַ פוטערן היטעל, אַלאַנגען פעלץ, אונטער איהם אַ פוהרמאַנסקע בלוזע, הויכע שטיוועל, גרינע יעגער-זאָקען, אַ בייטש אין האַנד און אַנאָנגעצונדענעם לאַמטערן.) איך ווייס נישט, וואָס מיט דעם קאַשטאַן טהוט זיך. די טעג קום איך צוריק: איך האָב געלאָדענט קוילען אין דער קאַפּאַלניע. לעג אָב, שפּאַן אויס, פיהר אַריין די פערד אין שטאַל — אין דער מינוט הויבט ער זיך מיר אָן צו וואַרפען און יאָגט מיט די קאָפּיטעס אויף אַלע זייטען. (שטעלט די בייטש אין אַ זייט, דאָס היטעל הענגט ער אויף אויף דער וואַנד.)

האַננאַ. (קומט אַריין, נעהמט זיך אויף דאָס-נייעס צו דער אַרבייט, נאָר מען דערקענט, אַז זי איז בייז.)

הענשעל. מיידעל! מאַך פייער.

האַננאַ. מען ווייס נישט, וואָס פריהער צו טהון.

הענשעל. (הענגט אויף דעם לאַמטערן, לעשט איהם אויס.) דער טייוועל ווייס, וואָס דאָ טהוט זיך. דאָס ווייב קרענקט מיר, דאָס פערד פאַלט, אפנים אַלץ אינאיינעם איז אָנגעקומען אויף מיין קאָפּ. דעם קאַשטאַן האָב איך געקויפט ערשט נישט לאַנג ביי גאָטפריעד וואַלטער, אין צוויי וואָכען אַרום —, ער לאָהמט. איך וועל דעם פראַנט שוין ווייזען. צוויי-הונדערט טאַלער האָב איך איהם געגעבען.

די הענשעליכע. עס רעגענט?

הענשעל. (קורץ) עס רעגענט, אַלטע. — מיין אייגענער שוואָגער האָט מיך אַזוי אויסגענאַרט. (זעצט זיך אויף דער באַנק ביי'ם אויווען.)

האַננאַ (האָט אָנגעצונדען אַ ליכט אין אַ בלעכענעם לייכטער און שטעלט אויפ'ן טיש.)

די הענשעליכע. אַלטער! דו ביזט צו אַ גוטער. דו גלייבסט אַלעמען.

גרונערט. (זעצט זיך ביים טיש און שרייבט אַ רעצעפּט.)

איך וועל פערשרייבען עפּיס פון דער אַפּטייק פאַר דעם פערד.

די הענשעליכע. אַז דער קאַשטאַן זאָל אויך נאָך נעהמען און אַוועקפּגר'ן. ניין — דאָס וועט שוין גאָט נישט דערלאָזען.

הענשעל. (שטעלט אוים דעם פוס האַננאַ'ן.) קום נאָר אַהער, ציה אַראָב דעם שטיוועל! ביי פרייבורג האָט דער ווינד געבלאָזען — אַ שרעק! לייט זאָגען, אַז אַ האַלבען דאַך האָט דער ווינד אַראָבגעריסען פון דער קירכע אין דאָרף. (צו האַננאַ'ן) וואָס שפּיעלסט דו דיך? גיכער!

די הענשעליכע (צו האַננאַ'ן.) דו קאָנסט דיך די תורה אַליין נישט אויסלערנען.

האַננאַ. (האָט אַראָבגעצויגען איין שטיוועל, שטעלט איהם אַוועק אין אַ זייט, נעהמט זיך צום צווייטען.)

הענשעל. שטילער, אַלטע! דו קאָנסט דאָס נישט בעסער פאַר איהר.

האַננאַ. (האָט אַראָבגענומען דעם צווייטען שטיוועל, שטעלט איהם אַוועק. זאָגט מיט אַ פערשייטען טאָן צו הענשלען.) דער הער האָט מיר געברענגט אַ פאַרטוך?

הענשעל. וואָס נאָך זאָל איך געדענקען? גענוג פון מיר, אַז איך האָב וואָס כ'דאַרף און פערשפּעטיג נישט צי דער באַהן. מיר ליעגען נישט אין קאָפּ ווייבערישע פאַרטוכער!

גרונערט. געווים.

די הענשעליכע. דאָס האָט נאָך געפעהלט.

הענשעל. (אין הילצערנע לאַפּטעס, שטעהט אויף, צו האַננאַ'ן). גיכער, לעבעדיג! גיב צו עסען. איך דאַרף נאָך היינט אַריינגעהן צום קאָוואַל.

גרונערט. (אָנגעשריבען די רעצעפּט, האָט ער זיך אויפגעהויבען, בעהאַלט דאָס נאָטיץ-ביכעל מיט דער בלייפעדער, האַלט שוין ביים אַרויסגעהן.) מען דאַרף שיקען נאָך דעם אין דער אַפּטייק אַריין. מאָרגען פריה וועל איך אָנטרעטען.

הענשעל. (זעצט זיך צום טיש.)

הויפע. (קומט אַריין פאַמעליך, אין הילצערנע לאַפּטעס און לעדערנע הויזען, מיט אַנאָנגעצונדענעם לאַמטערן אין דער האַנד.) אַ וועטער אַביסעל.

הענשעל. וואָס הערט זיך דאָרט אין שטאַל?

הויפּע. שלאָגט. (לעשט אויס דעם לאַמטערן און הענגט איהם אויף נעבען הענשעלס.)

גרונערט. נו, אַ גוטע נאַכט, און איצט מוז מען געדולדיג וואַרטען. מיר דאָקטוירים זענען מיר אויך .נאַר מענשען.

הענשעל. פערשטעהט זיך, מיר ווייסען דאָס אויך, מיר ווייסען. אַ גוטע נאַכט. גליטשט אייך נאַר נישט אויס ערגיץ. (גרונערט געהט אַרויס.) און איצט דערצעהל, אַלטע, וואָס הערט זיך מיט דיר.

די הענשעליכע. איך האָב מיך שוין ווידער געמוזט בייזערן.

הענשעל. איבער וואָס?

הויפּע. (זעצט זיך ביים טיש.)

די הענשעליכע. ווייל איך קאָן גאָר נישט טהון אין הויז.

האַננאַ. (שטעלט אויפ'ן טיש אַ שיסעל מיט קלוסקעס און אַ שיסעל מיט קאַרטאָפעל, נעהמט אַרויס פון שופלאַד אַ גאָפּעל און לעגט אויפ'ן טיש אַנידער.)

הענשעל. צו דעם איז דאָך דאָ אַ דיענסט.

די הענשעליכע. ע, וואָס דאַרפען זי טהוט!

הענשעל. עסען האָבען מיר דאָך פאַרט, אַלץ פיהרט זיך אויף אַ שטייגער. — ווען דו וואָלסט דיך נישט צו-פריה אויסגעהויבען פון בעט, וואָלסטו איצט שוין געקענט טאַנצען.

די הענשעליכע. אַה גאָט! טאַנצען? וואָס איהם קומט אין קאָפּ אַריין!

האַננאַ. (האָט צוגעגרייט דריי טעלער, אויף יעדען אַ שטיק פליייש, שטעלט צו אַ שטוהל פאַר זיך און זעצט זיך צום טיש.)

הויפּע. דער האָבער געהט אויס, מ'וועט באַלד דאַרפען קויפען.

הענשעל. איך האָב פאַר עטליכע טאָג געקויפט דרייסיג זעק. אויף שבת וועל איך ברענגען אַ פוהר האָבער. פאַשע ווערט וואָס אַ טאָג טייערער.

הויפּע. אַז די בהמות זאָלען אַרבייטען, מוזען זיי האָבען צו פרעסען.

הענשעל. און די מייגען, אַז בהמות לעבען פון ווינד. ער וויל שוין ווייטער אַברייסען פון פוהר-געלד.

הויפע. דער אינספּעקטאָר פון באָד?

הענשעל. ווער זשע? נאָר איצט וועט מען איהם נישט גראָטען.

די הענשעליכע. אַלץ געהט אין דער ערד אַריין. וואָס קאָנען מיר אָנהייבען צו טהון אין אַזא ביטערער צייט?

האַננאַ. דער שאָסיי-אויפזעהער איז דאָ געוועזען. האָט געהייסען, דער הער זאָל מאָרגען שיקען פערד צו דעם גרויסען וואַל.

(פון די טרעפּען, וואָס אונטער די שויבען-טהיר, קומט הער זיבענהאַר, אַ מאַנספּערשוין פון אַ יאָהר 40, פיין און עלעגאַנט געקליידעט. אַ שוואַרצער ראָק, אַ ווייסע וועסט, העלע, ענגלישע הויזען. זיין עלעגאַנץ איז אין דעם געשמאַק פון ענדע דער זעכציגער יאָהרען. דאָס קאַרגע ביסעל האָר, וואָס איז איהם געבליבען אויפ'ן קאָפּ, איז שוין גראָהליך און ליגט אַרום קאָפּ נאָר ווי אַ קראַנץ, פיין צוגעקעמט. די וואָנסעס דאַנגעגען — גרויסע, העל-בלאָנדע. זיבענהאַר טראָגט גאָלדענע ברילען, און ווען ער וויל זיך בעסער צוקוקען, נעהמט ער נאָך צו הילף די פּענסנע, וואָס ער לעגט געוועהנליך איין דער נאָז אונטער די ברילען. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַני-אינטעליגענטען מענש).

זיבענהאַר. (קומט אַריין, האַלט אין דער רעכטער האַנד אַ בלעכערנעם לייכטער מיט אַ נישט-אָנגעצונדען ליכט, אין דער צווייטער האַנד — אַ בינטעל שליסלען. ער פערשטעלט מיט דער האַנד זיינע עמפּפינדליכע אויגען). הענשעל איז געקומען?

הענשעל. יאָ, הער זיבענהאַר, אָט בין איך.

זיבענהאַר. אַ! איהר עסט? לאָזט אייך נישט שטערען. איך האָב גראָד עפּיס צו טהון אין קעלער. איך וועל קומען אַביסעל שפּעטער.

הענשעל. וואָס איז דען? צו וואָס שפּעטער? אָט בין איך שוין פאַרטיג.

זיבענהאַר. וועט איהר אייך בעמיהען צו מיר אַביסעל

שפּעטער. (ער גערט אַרײַן אין שטוב און צינדט אָן דײַן ליכט אָן דעם ליכט, וואָס ברענט אויפ׳ן טיש) איך האָב נאָר געוואָלט דאָס ליכט אָנצינדען. — אין מײַן ביזרא קאָנען מיר זיך דורכשמועסען רוהיג. — וואָס מאַכט מען, פרוי הענשעל? ווי האָט אײַך געשמעקט די יאָך?

די הענשעליכע. טאַטע פאָטער אין הימעל! איך האָב דאָך גאָר פערגעסען אָן דער יאָך!

זיבענהאַר. וואָס רעדט איהר?

די הענשעליכע. (דערזעהט פאַר זיך דעם טאָפּ מיט דער יאָך) זעהסטו! איך האָב טאַקי פערגעסען.

הענשעל. געה האָב צו טהון מיט די ווײַבער! זי וואָלט שוין לאַנג געזונד געוואָרען, פערגעסט זי אין מיטען צו עסען און צו טרינקען.

זיבענהאַר. (מען הערט ווי דער ווינד יאָגט פּלוצלינג שטאַרק אין דרויסען) וואָס זאָגט איהר עפּיס, איך בעט אײַך, צו׳ם וועטער אין דרויסען? מײַן ווײַב איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון וואַלדענבורג. אַ זאַווערוהע דאָס אַביסעל, און זי ווערט אַלץ שטאַרקער. איך הויב אָן מורא צו האָבען. וואָס זאָגט איהר?

הענשעל. עס דוכט זיך מעהר אויס, ווי עס איז אין אמת׳ן.

זיבענהאַר. ניין, ניין, מיט אָט אַזאַ וועטער איז נישט צו שפּיעלען קאַטאָװעס. איהר האָט נישט געהערט דאָס קלאַפּען און געקלינגערײַ. איינס פון די גרויסע פענסטער, איהר ווייסט דאָך, בײַ דער טעראַסע, אין שפּײַז־זאַל, האָט דער ווינד אַרויסגעריסען. דאָס איז אַ זעלטען שרעקליך וועטער.

הענשעל. אַה, מענשען, מענשען!

די הענשעליכע. ווידער אַ שאָדען אויף אַ שען ביסעל געלד.

זיבענהאַר. (אַרויסגעהענדיג ליינקס דורך דעם קאָרידאָר פון קעלער) נאָר דער טוידט איז ביליג, קאָסט גאָר נישט. (אָב).

הענשעל. ער האָט אויך אַ שען ביסעל זאָרג אויפ׳ן קאָפּ.

די הענשעליכע. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, וואָס דאַרף ער ווייטער פון דיר האָבען.

הענשעל. וואָס זאָל ער וועלען? גאָר נישט. איך וועל הערען, וועל איך וויסען.

די הענשעליכע. ער זאל נאָר נישט ווידער וועלען באָרגען געלד.

הענשעל. רעד בעסער נישט קיין נאַרישקייטען, אַלטע מײַנע.

די הענשעליכע. צרות ביז איבער די אויערען, און די מאַדאַם קאָן נישט אַנדערש, נאָר קויפען אַ הוט פאַר פיער טאָלער!

הענשעל. מאַך צו דאָס מויל. קיינער פרעגט דיך נישט. מיש דיך נישט אין פרעמדע געשעפטען; דאָס איז נישט קיין טאָפּ קרויט. — נישט אַזוי גרינג איז אויפצוהאַלטען אַזאַ הויז. אַז אין גאַנצען פערדיענט מען נאָר צוויי הדשים אין יאָהר, און די רעשט יאָהר מוז מען צושטופּען.

הויפּע. און צום שלימזל האָט ער נאָך אויפגעבויט דאָס נײַע הויז.

די הענשעליכע. דאָס האָט איהם גאָר דערשטיקט. האָט ער נישט געדאַרפט אָנצוהויבען!

הענשעל. נישט פאַר אַ ווײַבערישען קאָפּ דאָס צו פערשטעהן. בויען האָט ער געמוזט, ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט. איצט האָבען מיר אין סעזאָן געסט אויף געסט, פריהער איז אַ העלפט נישט געווען. נאָר וואָס אַמאָל האָט אַ גאַסט געוואוסט, אַז ער מוז זיך לאָזען קאָסטען געלד, און איצט וואָלטען זיי געוואָלט אַלץ בחנם. — גיב מיר אַיין אַ גלעזיל בראָנפען, איך וויל אַ זופּ טהון.

הויפּע. (לעגט צו זײַן טאַשענ=מעסער, גרייט זיך אויפצוהויבען) פיערציג צימער, דרײַ גרויסע סאַלעס, און אַלץ איז פּוסט אַ חוץ מײַן און ראַטען, וואָס לויפען אַרום. וואָס פאַר אַ געשעפטען משטיינס=געזאָגט קאָן מען מאַכען?

פראַנציסקאַ ווערמעלסקילך (קוקט אַרײַן. זי איז אַ פריש יונג מיידעל פון אַ יאָהר 16. די לאַנגע טונקעלע האָר טראָגט זי נישט פערפלאָכטען. געקליידעט איז זי אַביסעל עקסצענטריש. אַ חײַם קורץ קליידעל, די בלוזע אויסגעשניטען, אַ לאַנגען פערשיעדענפאַרביגען שאַרף. די אַרבעל ווײַט אַרויסגערוקט, אויפ׳ן האַלז אַ סאַרביג בענדעל מיט אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן)

פראַנציסקאַ. (הײַטער און לעבעדיג) הער זיבענהאַר איז דאָ ערשט געווען? ניין? אַ שענעם גוטען אָבענד אײַך! איך האָב נאָר געוואָלט פרעגען, צי איז דער הער זיבענהאַר נישט דאָ געווען.

די הענשעליכע (אונהעפליך) איך ווייס נישט. — נישט דאָ געווען.

פראַנציִשקאַ. נישט דאָ געווען? איך האָב געמיינט. (שטעלט קאָקעטיש אַרויף אַ פוס אויף דער באַנק און פערבינדט אַ שוך).

די הענשעליכע. זיבענהאַר און זיבענהאַר! מען הערט נישט מער ווי זיבענהאַר! וואָס דאַרפט איהר אַזוי נויטיג דעם הער זיבענהאַר?

פראַנציִשקאַ. איך? גאָר נישט. ער האָט זעהר ליעב געווענע לעבערלעך. די מאַמע האָט היינט גראָד געמאַכט, האָט מיך דער טאַטע געשיקט זאָגען איהם. און הער הענשעל אַליין — איהר מעגט אויך אַמאָל אַרויפקומען צו אונז.

די הענשעליכע. איך בעט דיך, לאָז דעם אַלטען מיר צו רוה. ער האָט שוין נישט מעהר וואָס צו טהון. איהם ליעגט איצט נישט אין קאָפּ די שענק מיט די געגזוענע לעבערלעך.

פראַנציִשקאַ. היינט האָט מען אויפגעשטעלט פריש ביער.

הענשעל. (בשעת ווען הופע שמייכעלט צו און האַנאַ לאַכט הויך) איך האָב דיך שוין געבעטען, אַלטע, זאָרג נישט פאַר מיר. אַז איך וועל וועלען געהן טרינקען אַ גלאָז ביער, וועל איך ביי דיר קיין עצה נישט פרעגען, קאָנסט מיר גלויבען.

פראַנציִשקאַ. וואָס מאַכט איהר דען, פרוי הענשעל?

די הענשעליכע. מאָרגען מאַך איך מיר אַ שאַרף און וועל טאַנצען אויף אַ שטריק.

פראַנציִשקאַ. וועל איך מיטטאַנצען. דאָס קאָן איך גוט. איך לערן מיך שטענדיג געהן אויפ'ן דישעל.

די הענשעליכע. אַהאַ! דעריבער הענגען טאַקי אַראָב אַלע דישלען.

פראַנציִשקאַ. זעהט! אַט אַזוי מאַכט מען, אַזוי שטעלט מען אַ פוס (נאָכמאַכענדיג די בעוועגונגען פון אַ שטריק-געהערין, טאַנצט זי אַרוים פון דער טהיר) רעכטס אַ פוס, לינקס אַ פוס. אַטיע! אַ רעוואַר! (אָב).

הופע. (נעהמט אַראָב דעם לאַמטערן) אַ שען לייט וועט פון איהר ווערען, אַז זי וועט נישט באַלד קריגען קיין מאַן. (אָב).

די הענשעליכע. אַזאַ מיידעל וואָלט געדאַרפט נאָר צו

אַרבּײַטען, צו האָרעווען, די אַרבּײַט וואָלט איהר שוין אַרויסגעטריבּען פון קאָפּ די אַלע זאַכען.

האַננאַ. אויבּען צו די זיבּענהאַר׳ן לאָזט מען זי שוין נישט אַרײַן. די מאַדאַם האָט אָנגעזאָגט.

די הענשעליכע. און זי איז גערעכט. איך וואָלט דאָס אויך געטהון.

האַננאַ. ווי אַ הינטעלע דרעהט זי זיך שטענדיג אַרום צווישען גיאַנספערשוינען. און אַליין פּאַסט איהר. זי ערלויבּט זיך גאָר צו פיעל.

די הענשעליכע. זיבּענהאַר וואָלט זיי געדאַרפט אַרויס־וואַרפען, די גאַנצע שענע הברותא, פון דעם הויז. אַ שענע ווירטשאַפט ווערט דאָס דאָ געפיהרט... מיידלעך, יונגען...

הענשעל. וואָס רעדסט דו, אַלטע?

די הענשעליכע. און אין דער שענק וואָס ס׳טהוט זיך...

הענשעל. זיי ווילען לעבּען פונקט אַזוי ווי מיר. זאָל ער זיי אַרויסוואַרפען אויף דער גאַס? דער אַלטער ווערמעלסקירך איז גאָר נישט קיין שלעכטער מענש.

האַננאַ. דאָס ווייבּ פאַר דאָס איז שוין אַנ׳אַלטע מכשפה.

הענשעל. ווערמענ׳ס דאגה? דירה־געלד צאָהלט ער פינקט־ליך... און צוליעב דעם מיידעל זײַנעם וועט אַ וודאי קיינער נישט האָבּען קיין פּרעטענסיעס צו איהם. (ער שטעהט אויף און בייגט זיך איבּער דער וויעג) אָט האָבּען מיר אויך אַזאַ פּיצעלע, וועט מען אונז דעריבּער אַרויסוואַרפען פון דער דירה?

די הענשעליכע. ניין, ניין. — אַ גאַנצען טאָג שלאָפט עס, עס האָט גאָר קיין השק נישט אויפצוואַכען.

הענשעל. אַזאַ פּיצעלע, אַזאַ גאָר־נישטיל. — — אַלטע! דו וועסט דאָך מיר נישט אין מיטען דרינען אַוועקשטאַרבּען! (ער געהמט אַראָפּ זײַן מיץ פון דער וואַנד) האַננאַ! איך האָבּ דיך גע־נאַרט, האַננאַ. אין דרויסען אין וואָגען ליעגט דײַן שערץ.

האַננאַ. (שנעל) וואו דען?

הענשעל. אין דער קעלניע. געה זוך, וועסט געפינען.

(הענשעל אָבּ דורך דער מיטעלער טהיר, האַננאַ אָבּ אין קאַמער).

די הענשעליכע. די שערץ — די שערץ — ער האָט — דאָך — געבּרענגט.

האַננאַ. (קומט שנעל אַרויס פון דער קאַמער און געהט אַרויס דורך דער מיטעל־טהיר.)

זיבּענהאַר (קומט אַריין פאָרזיכטיג, טראָגט ווי פריהער אַליכט און שליסלען און נאָך צוויי פלעשער רויט־וויין).

זיבּענהאַר. גאָר אַליין, פרוי הענשעל?

די הענשעליכע. די שערץ — ער האָט — געבּרענגט...

זיבּענהאַר. איך בּין דאָס, פרוי הענשעל; זיבּענהאַר, איך האָט זיך עפּיס געדוכט....?

די הענשעליכע. גלויב נישט... נישט מעגליך...

זיבּענהאַר. איך האָבּ אייך געשטערט דעם שלאָף, פרוי הענשעל? דאָס בּין איך; איך — זיבּענהאַר.

די הענשעליכע. געוויס; זיבּענהאַר.

זיבּענהאַר. איך האָבּ אייך געבּראַכט אַ בּיסעל וויין. טרינקט, ער וועט אייך שטאַרקען. איהר דערקענט מיך דען אַליץ נישט?

די הענשעליכע. ניין, ניין. וואָס רעדט איהר! איך דער־קען אייך דאָך, איהר זענט... איהר זענט דאָך, נו געוויס... אונזער הער זיבּענהאַר. אַזוי שלעכט האַלט עס נאָך נישט מיט מיר. איך זאָל איך נישט דערקענען — — — איך ווייס נישט, צי האָט מיך עפּיס געחלומ׳ט, אָדער עפּיס אַזוי — ?

זיבּענהאַר. געוויס אַ חלום. ווי פיהלט איהר אייך יעצט?

די הענשעליכע. ט, געוויס... דער הער זיבּענהאַר.

זיבּענהאַר. און איהר האָט אַוודאי געמיינט, אַז דאָס איז אייער מאַן.

די הענשעליכע. איך ווייס נישט, בּנאמנות, איך קאָן נישט וויסען... עפּיס איז מיר געוואָרען —

זיבּענהאַר. איהר ליעגט נישט גוט. לאָזט איך וועל אייך צורוקען דאָס קישען. דער דאָקטאָר קומט רעגעלמעסיג?

די הענשעליכע. (פערוויינט) איך ווייס גאָר נישט. זיי לאָזען מיך איינע אַליין. — ניין, ניין! איהר זענט זיבּענהאַר, איך ווייס. און ווייסט איהר וואָס, איך וועל אייך עפּיס זאָגען: איהר זענט שטענדיג געווען גוט צו מיר. איהר האָט אַ גוט האַרץ. האָטש איהר שטעלט אַמאָל אָן אַ בּייז פּנים. איך ווייס נישט וואָס צו זאָגען:

מיך בעפאַלט טיילמאָל אַזאַ שרעק! איך טראַכט אַליין: עס געדויערט צו לאַנג פאַר איהם.

זיבענהאַר. וואָס צו לאַנג?

די הענשעליכע (ברעכט אויס אין אַגעוויין) איך לעב צו לאַנג — — וואָס וועט אָבער זיין מיט גוטשען, אַז איך וועל שטאַרבען!

זיבענהאַר. — — — פרוי הענשעל, איהר זענט דאָך נישט קיין נאַר... פרוי הענשעל, הערט אויס מיט קאָפּ וואָס איך זאָג: אַז מען מוז אַזוי ליגען לאַנג אין בעט, וואָך־איין וואָך־אויס, אַזוי ווי איהר ליידער איצט, קומען אַלערליי נאַרישע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין, שטותים, און ווייס איך וואָס. אַמענש מוז זיין פערנינפטיג, מיין ליעבע פרוי. נישט וואַהר, וואָס איך זאָג? אַזעלכע נאַרישקייטען! מען שלאָגט זיי אַרויס פון קאָפּ און פּטור!

די הענשעליכע. אַח, מיינע ליעבע לייט. גלויבט מיר, איך ווייס וואָס איך רעד.

זיבענהאַר. איהר ווייסט נישט, — אַז איהר וועט אייך אַמאָל דערמאָהנען, וועט איהר אַליין לאַכען. געוויס.

די הענשעליכע. (ליידענשאַפטליך, פּלוצלינג) ער איז נישט געקראָכען צו איהר אין קאַמער אַריין?

זיבענהאַר. (זעהר ערשטוינט, און דערביי נישט גלויבענד). ווער? וואָס?

די הענשעליכע. הענשעל... זי, די מויד...

זיבענהאַר. אייער מאַן? די האַננאַ? ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען: ווער ס'האָט אייך דאָס דערצעהלט, דער איז אַגעמיינער יונג, אַליגנער.

די הענשעליכע. אַז איך וועל שטאַרבען, וועט ער פאָרט מיט איהר חתונה האָבען.

הענשעל. (בעוויזט זיך אין דער טהיר).

זיבענהאַר. איהר ליידט פון איינבילדונגען, פרוי הענשעל!

הענשעל. (גוטמוטהיג, ערשטוינט) וואָס איז מיט דיר, אַמאַליע? וואָס הליפּעסט דו?

זיבענהאַר. הענשעל! איהר דאַרפט אייער ווייב נישט לאָזען אַליין.

הענשעל. (געהט פריינדליך צו צום בעט) ווער טהוט

דיר רעָן עפּים?

די הענשעליכע. (קעהרט זיך אום בייז, באָסהאַפטיג, מיט'ן פּנים צו דער וואַנד) לאָז מיך צורוה.

הענשעל. וואָס האָט דאָס צו בעדייטען?

די הענשעליכע. (שטיקט זיך אין טרעהרען) געה, געה אַוועק. (הענשעל קוקט פערוואונדערט מיט אַ פרעגענדיגער מינע, פערגלאָצט, אויף זיבענהאַר'ען, וואָס האָט אַראָבגעלאָזט זיין קאָפּ און פּוצט זיין פּענסנע).

זיבענהאַר. (שטיל) לאָזט זי איצט צו רוה.

די הענשעליכע (ווי פריהער) ער וואָלט מיך שוין געוואָלט האָבען אונטער דער ערד, וואָס גיכער נאָר...

זיבענהאַר. (צו הענשלען, וואָס ווערט בייז) פּסט... טהוט מיר אַ געפעליגקייט. שטיל!

די הענשעליכע. אַמענש האָט אויגען, מען איז נישט בלינד. מ'דאַרף מיר נישט אַ פינגער אין מויל אַריינצושטעקען. איך טויג שוין צו גאָר נישט, דאַרף איך מיך אָבטראָגען פון דאַנען, וואָס גיכער.

הענשעל. (שטרענגט זיך זעהר אָן איינצוהאַלטען דעם כעס) וואָס איז דאָס, אַמאַליאַ?

די הענשעליכע. יאָ, יאָ, מאַך אַ תמ'עוואַטע פּנים.

הענשעל. (אָנגעשטרענגט ביז צום לעצטען גראַד) פערצעהל מיר האָטש...

די הענשעליכע. זאָל שוין זיין וואָס עס וויל. אַנאַר וועל איך נישט בלייבען. בעהאַלט אייך, ווי איהר קענט. איך זעה דורך די וועגד, איך זעה אַלץ, אַלץ. ניין, ניין! איהר מיינט, אַז אַפרוי איז אַזוי גרינג צו גענאַרען? אָ! איך וויים... איינם נאָר וועל איך דיר זאָגען: שטאַרב איך, שטאַרבט גוטשע מיט. זי וועל איך מיטנעהמען! איך וועל זי ליעבער דערווערגען, עהדער זי לאָזען אויף איהרע הענד, דער אויסוואָרף, דאָס געמיינע שטיק.

הענשעל. אַלטע! בעדענק! וואָס איז מיט דיר?

די הענשעליכע. אונטער אַבערגעל ערד ווילט איהר מיך האָבען.

הענשעל. איך זאָג דיר, הער אויף, דו ברענגסט מיך אין רציחה אַריין.

זיבענהאַר. (שטיל, וואָרענדיג) רוהיג, הענשעל! זי איז קראַנק.

די הענשעליכע. (האָט דערהערט) קראַנק? ווער האָט מיך דען קראַנק געמאַכט? איהר צוויי: די מויד און דו.

הענשעל. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, צו אַלדע שוואַרץ יאָהר, ווער האָט דיר דאָס אַרייַנגעשלאָגען אין קאָפּ אַרייַן. דאָס מיידעל און איך? זאָלען מיר ביידע פערהאַפּט ווערען אויף איינמאָל, אויב מיר האָבען עפּיס צווישען זיך.

די הענשעליכע. שערצען ברענגסט דו איהר נישט? און בענדער ברענגסט דו איהר נישט?

הענשעל. (ווידער הילפלאָז) שערצען און בענדער?

די הענשעליכע. יאָ, שערצען און בענדער.

הענשעל. און דאָס איז אַלץ?

די הענשעליכע. קוועלכט דו נישט אָן פון אַלעם וואָס זי טהוט? איז דיר שוין אַמאָל עפּיס נישט געפעלען פון איהר? און איין בייז וואָרט האָטש האָט זי שוין אַמאָל געהערט פון דיין מויל? איז זי שוין נישט ווי אַ בעל־הבית'טע אין שטוב?

הענשעל. אַלטע! זייַ שטיל, זאָג איך דיר.

די הענשעליכע. דו מוזט שווייַגען, האָסט נישט וואָס צו זאָגען.

זיבענהאַר. (ביים בעט) פרוי הענשעל, שטילט אייך, קומט צו זיך. דאָס אַלץ איז דאָך פוסטע זאַכען, פון פינגער אויסגעקוועטשט.

די הענשעליכע. איהר זענט נישט בעסער. אַלע מענער האָבען איין פנים. די אַרימע ווייַבער געהען נאָר צו'ם גרונד דורך אייך. (טאָן ענדערונג, אין אַ ווייך וויינען שטילט זי איהר כעס) רעכט אַזוי, זאָלען זיי געהן צו גרונד!

זיבענהאַר. (לאַכט קורץ און ערנסט, געהט צו צו'ם טיש און עפענט אויף אַ פלעשעל ווייַן)

הענשעל. (זעצט זיך גוטמוטהיג און בערוהיגט צו'ם ווייב אויפ'ן בעט) אַלטיטשקע מייַנע! דרעה דיך אום צו מיר. איך וויל דיר עפּיס זאָגען אין גוטען. (נעהמט זי אַרום פריינדליך איז זייַנע געוואַלדיגע אָרעמס) נו, זעהסטו, ווייב מייַנס, דיר האָט זיך עפּיס גע'חלומ'ט. האָסט געהאַט אַ בייזען חלום. אונזער שפּיץ האָט אויך אַמאָל אַ חלום. נו, גענוג שוין, וואַך אויף. פערשטעהסט דו, אַלטיטשקע

מײַנע? האָסט אַבּיסעל געפּעק צוזאַמענגעשלײַדערט. דער שטאַרקס־טער װאָגען װאָלט דערונטער געבּראָכען. עס הילכט מיר אַוש נאָך אין קאָפּ דערפון.

זיבּענהאַר. (האָט דורך דער צײַט געזוכט אַ גלאָז, גיסט אײַן װײַן) אַז איך בּין פערשעמט געבּליבּען!

הענשעל. האָט איהר נישט פּעראַיבּעל! אַ װײַבּערשע נשמה! האָט מען מיט איהר דאָס אַבּיסעל אויסצוישטעהן. װער־זשע בּאַלד צוריק געזונד. אויבּ דו קרענקסט מיר װײַטער אַזוי, קאָנסט דו נאָך אויסטראַכטען אויף מיר, אַז איך האָבּ ערגיץ פערד גע־גנבעט.

זיבּענהאַר. טרינקט דעם װײַן, איהר װעט צונעהמען כחות.

די הענשעליכע. אַז איך װאָלט נאָר געװאוסט. (זיבּענהאַר האַלט איהר אונטער דעם קאָפּ בּײַ׳ם טרינקען).

הענשעל. װאָס איז װידער?

די הענשעליכע. (האָט אויסגעטרונקען) קאָנסט דו מיר צוזאָגען?

הענשעל. אַלץ, װאָס דו װילסט.

די הענשעליכע. אַז איך װעל שטאַרבּען, װעסט דו חתונה האָבּען?

הענשעל. רעד נישט קײן נאַרישקײַטען.

די הענשעליכע. יאָ, אָדער נײן?

הענשעל. מיט האַננאַ׳ן? (אין שפּאַס) אַ װדאי!

די הענשעליכע. רעד ערנסט!

הענשעל. װאָס זאָגט איהר דערצו, הער זיבּענהאַר? האָט איהר געהערט רעד? — דו װעסט דאָך נישט שטאַרבּען, נאַר.

די הענשעליכע. אויבּ אָבּער איך װעל יאָ שטאַר־בּען?

הענשעל. װעל איך זי אויך נישט נעהמען. נאַ האָסטו! װײסט דו שוין. אַבּי אַ סוף.

די הענשעליכע. קאָנסט מיר דאָס צוזאָגען?

הענשעל. װאָס זאָל איך דיר צוזאָגען?

די הענשעליכע. אז דו וועסט דאס מיידעל נישט נעהמען.

הענשעל. פון מיינטוועגען — צוגעזאגט.

די הענשעליכע. גיסט מיר די האנד דערויף?

הענשעל. איך האב דאך דיר איינמאל שוין געזאגט (לעגט זיין האנד אין אירע) און איצט געוויס שוין, זאלסט מיר מעהר נישט רעדען אזעלכע נארישקייטען.

צווייטער אקט.

אַ שענער פאר־מיטאָג אין מאי. דאָס זעלבע צימער פון ערשטען אַקט. דאָס בעט, וואו די הענשעליכע איז געלעגען, איז נישטאָ מעהר. דאָס פענסטער, ביי וועלכען דאס בעט איז געשטאנען, איז אָפען. האננא. שטעהט ביי אַ באַליע מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און וואַשט; דאס פנים צום פענסטער. פראַנץ. אָהן אַ מאַרינאַרקע, די אַרבעל פון העמד פערקאַטשעט, די הויזען פערלענגט אין דער הויך, די נאקיטע פיס אין הילצערנע לאַפּטעס; קומט אַריין, טראָגט אַ הילצערנעם עמער, וואס דיענט צו'ם וואַשען דעם וואָגען.

פראַנץ. (מיט אַ נאַרישען טאָן, לוסטיג) האַננאַ! אַ וויזיט בין איך דיר געקומען אָבשטאַטען. — האָסט נישט אַביסעל וואַרים וואַסער פאַר מיר, האַננאַ? האָסט?

האַננאַ. (וואַרפט ביים דאָס שטיקעל גרעט, וואָס זי האָט געוואַשען, צוריק אין דער באַליע אַריין, געהט צו צו'ם אויווען) וואָלסט שוין געמעגט אויפהערען צו זיין אַזאַ אָפּטער גאַסט ביי אונז!

פראַנץ. גאָר אַזוי?! וואָס איז דען?

האַננאַ. (גיעסט אַריין אין באַליע אַן'עמער וואַרים וואַסער) איך האָב איצט נישט קיין צייט צו דיר. אַן אַנדער מאָל וועל איך דיר שוין זאָגען.

פראַנץ. איך פאַרדאָס האָב שוין איצט צייט גענוג. איך וואַש דעם וואָגען.

האַננאַ. (העפטיג) דו זאָלסט מיך לאָזען צורוה, איינמאָל אויף אַלע מאָל, האָסט געהערט?

פראַנץ. איך טהו דיר דען עפּיס?

האַננאַ. שלעפּ דיך נישט נאָך!

פראַנץ. האָסט שוין גאָר פערגעסען, זעה איך, ביי וואָס מיר האַלטען.

האַננאַ. מיר האַלטען בײַ גאָר ניִשט. איך געה מיר מײַן וועגס, דו געהסט דיר דײַן וועגס. און ווײַטער וויל איך דיך ניִשט קענען און ניִשט וויסען ווער דו ביסט אַזוינער.

פראַניץ. טאַקי אַ נײַעס!

האַננאַ. פאַר מיר איז עס ניִשט קײַן נײַעס.

פראַניץ. אפשר ביזט דו גערעכט. — איך בעט דיך, זאָג מיר נאָר, וואָס איז דאָס אַזוינס געשעהן?

האַננאַ. גאָר ניִשט, זאָג איך דיר, גאָר — ניִשט. נאָר לאָז מיך צופריעדען.

פראַניץ. וואָס האָסט דו, האַננאַ, צו מיר? בין איך דיר אפשר ניִשט געטרײַ געווען?

האַננאַ. פאַר מײַנעטסוועגען. וואָס געהט דאָס מיך אָן? קאָנסט דיך אַרומשלעפּען מיט וועמען דו ווילסט. איך האָב שוין מעהר קײַן זאָרג ניִשט אויפ'ן קאָפּ.

פראַניץ. פון ווען אָן איז דאָס אַזוי, האַננאַ?

האַננאַ. פון תרח'ס צײַטען.

פראַניץ. (מיט אַ בעוועגטער ווײַנענדיגע שטימע) דו זאָגסט דאָך ליגענד, האַננאַ!

האַננאַ. דערצעהל מיר קײַן מעשיות ניִשט, איך וויל ניִשט וויסען, איך וועל דיר ניִשט ערלויבען מיך צו רופען ליגנערקע! קורץ און קײַלעכיג: עס מוז נעהמען אַן עק! אַזאַ פערשטאָפּטען קאָפּ ווי דו מוז מען ערשט אויסלעגען אויפ'ן טעלער, ער זאָל פערשטעהן. זײַ זשע וויסען איינמאָל אויף אַלע מאָל: צווישען אונז איז אויס!

פראַניץ. מײַנסט דאָס ערנסט?

האַננאַ. צווישען אונז איז אויס, האָב איך דיר געזאָגט, נעהם דיר דאָס אין קאָפּ אַרײַן, פראַניץ!

פראַניץ. איך וועל שוין געדענקען (וואָס אַמאָל מעהר אויס־גערעגט; צום סוף מעהר ווײַנענדיג ווי רעדענדיג) מײַן ניִשט, אַז איך בין אַזאַ נאַר. איך האָב שוין פריהער אויך געזעהן, וואָס ס'טהוט זיך. נאָר איך האָב מיר געטראַכט, טאָמער וועסטו פאָרט קומען צו'ן שכל.

האַננאַ. איך בין שוין געקומען צו'ן שכל.

פראַניץ. ווי איינער פערשטעהט. געוויס! איך בין אַן אָרימער יונג, און הענשעל האָט אַן אָנגעשטאָפּטען טײַסטער. ביזט דו

טאַקי געדענקט: טאַקי צו'ן שכל געקומען.

ה אַ נ נ אַ. הויב נישט אָן מיט אַזעלכע רייד, וועט זיין בעסער פאַר דיר.

פ ר אַ נ ץ. אפשר נישט וואָהר? סטאַרעסט דו דיך אפשר נישט, צו ווערען הענשעל'ס ווייב? ליגענד זאָג איך? וואָס?

ה אַ נ נ אַ. דאָס איז שוין מיין זאַך. נישט דיין דאגה. זאָל זיך יעדער זאָרגען פאַר זיך.

פ ר אַ נ ץ. ווען איך זאָל אַזוי נעהמען זאָרגען נאָר פאַר מיר אַליין, און וועל צו געהן צו העגשל'ען און זאָגען איהם אַזוי: „האַננאַ, אָט די האַננאַ, איז מיין כלה, זי האָט צוגעזאָגט התונה צו האָבען מיט מיר", וואָס וועסט דו דעמאָלט זאָגען?

ה אַ נ נ אַ. פרוב נאָר, זאָג איך דיר...

פ ר אַ נ ץ. (וויינט כמעט פון כעס און שמערץ) איך וועל טאַקי פרובען. דו זאָרגסט פאַר דיר, איך זאָרג פאַר מיר. ביזט דו אַזוי, בין איך נישט אַנדערש. (ענדערט פלוצלונג דעם טאָן) איך דאַרף דיך מעהר נישט האָבען; ווען דו זאָלסט דיך מיר אפילו וואַרפען אויפ'ן האַלז, דאַרף איך דיך נישט. אַזאַ מויד ווי דו פּאַסט מיר נאָך נישט אָן. (געהט שנעל אַרויס).

ה אַ נ נ אַ. פאַרט אַמאָל פּטור געוואָרען.

(האַננאַ נעהמט זיך צוריק צו'ם וואַשען, אין קאָרידאָר ער־שיינט ו ע ר מ ע ל ס ק י ר ך. ער איז אַ מאַן פון 50 יאָהר, מען דערקענט אין איהם, אַז ער איז אַ מאָל געוועזען אַן אַקטיאָר. ער טראָגט אַן אָבגעשצטען שלאַפראָק, געשטיקטע פאַנטאָפּעל און רייכערט אַ לאַנגע ליולקע).

ו ע ר מ ע ל ס ק י ר ך. (האָט אַ ווייַלע אַריינגעקוקט, פון האַנ־נאַ'ן נישט בעמערקט) געהערט הוסטען?

ה אַ נ נ אַ. וואו?

ו ע ר מ ע ל ס ק י ר ך. אַ גאַסט איז אָנגעקומען, שטעהט אויבען אַיין.

ה אַ נ נ אַ. צייט שוין. מיר האָבען שוין האַלב מאַי.

ו ע ר מ ע ל ס ק י ר ך. (געהט לאַנגזאַם אַריבער די שוועל, מאַכט זיך שטיל הוסטען, ברומט שטיל).

איך בין אַ הוסטער און אַ בלאַסער.
ווידיווידיוויט, בומם בום!
פאַר'ן קברות־מאַן אַ קאַנדידאַט,
הידיווידיוויט, בום בום!

האַננאַ. (לאַכט איבער דער באַליע שטעהענדיג) אַ פער־געניגען צו הערען. מען פיהלט האָטש, אַז דער זומער איז געקומען.

האַננאַ. איין שוואַלב מאַכט נישט קיין זומער.

ווערמעלסקירך. (מאַכט זיך אַן אָרט אויף דער באַנק פאַר'ן אויווען און זעצט זיך) וואו איז הענשעל?

האַננאַ. געגאַנגען אויפ'ן בית־עלמין.

ווערמעלסקירך. יאָ, היינט איז דאָך זיין ווייב'ס געבורטס־טאָג. (פויזע) דער אַלטער זעהט שׂען אויס, ער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. זאָגט נאָר, איך בעט אייך, ווען קומט ער?

האַננאַ. איך ווייס נישט, צו וואָס ער האָט בעדאַרפט היינט דאָס פאָהרען אַהין. דאָ דאַרף מען האָבען די פערד, און ער האָט נאָך מיטגענומען דעם נייעם אָנטרייבער.

ווערמעלסקירך. ע, האַננאַ! אַז מען בייזערט זיך, פער־ליערט מען דעם אַפּעטיט.

האַננאַ. ער לאָזט אַליץ אויפ'ן ווינד. דער אָמניבוס דאַרף פינקטליך אַרויסצופאָהרען. די ברישקע איז נאָך אינגאַנצען אין בלאָטע, און הויפּטע קאָן זיך קיין עצה נישט געבען. דער אַלטער איז גאָר עובר־בטל, עס ציטערען איהם די אויסגעדאַרטע הענד.

ווערמעלסקירך. יאָ, יאָ. עס הויבט זיך אָן צו רודערען און אַרבייט— איבער די אויערען. דער קוכער איז שוין היינט אָנגעקו־מען אויף דער שטעל. אפילו ביי מיר אין שענק האָט זיך שוין אָנגע־הויבען דער סעזאָן.

האַננאַ. (לאַכט קורץ) אויף אייך זעהט מען דאָס גאָר נישט אָן, אַז איהר זאָלט האָבען אַ סך צו טהון.

ווערמעלסקירך. (פיהלט זיך נישט בעליידיגט) אַ ביסעל שפעטער, וואַרט צו. האַן הויב איך אָן צו אַרבייטען, אַז אַ רויך וועט געהן.

האַננאַ. אַ חיך, זעהט איהר, וועט געווים געהן. דאָס וועלען מיר שוין האָבען פון אייער לילקע.

ווערמעלסקירך. (שמייכעלט צו איהר) האָט איהר אַ קעפּעל, געשעצטע דאַמע, שאַרף, שאַרף ווי אַ ברייטווע. היינט צו'ם מיטאָג וועלען מיר האָבען— באַלד — אַלערערשטענס — אַ פליוט, צווייטענס, אַ וויאָלאָנציעל, און דריטענס, צוויי ערשטע פידלען, צוויי צווייטע, דריי ערשטע, צוויי צווייטע, דריי דריטע, צוויי ערשטע... איך האָב מיך פערפּלאָנטערט צווישען זיי. מיט איין וואָרט: צעהן מאַן פון אָרקעסטער. וואָס לאַכט איהר? איהר מיינט, איך זאָג ליגענד? איהר וועט אַזוי גוט זיין זיך פאָרשטעלען, וואָס אַזאַ באַס קאָן אויפפרעסען. איהר וועט אייך וואונדערן, זאָג איך. נו האָב איך שוין אַרבייט גענוג?

האַננאַ. (לאַכט. — אין אַ ווײַלע אַרום) פערשטעהט זיך, די דיענסט וועט נישט שטעהן לעדיג.

ווערמעלסקירך. (בעשיידען) מיין ווייב, מיין טאָכטער, די גאַנצע פאַמיליע, מוזען מיר אַרבייטען שווער. און אַז דער זומער געהט אַ דורך, הערט מען ערשט געוואָהר, אַז מען האָט געהאָרעוועט אויף גאָר נישט.

האַננאַ. איהר האַלט נאָר אין איין וויינען. דאָס בעסטע געשעפט אין גאַנצען הויז מאַכט איהר. די שענק איז קיינמאָל נישט לעדיג, ציי זומער ציי ווינטער. וואָלט איך געוואָלט אויף זיבענהאַר'ס אָרט, וואָלט איך מיט אייך אַנדערש געטענה'ט. מיט פערשימעלטע דריי הונדערט טהאָלער וואָלט איהר ביי מיר נישט אָבגעקומען. אונטער טויזענד וואָלט איך די שענק נישט פערדינגען; נישט קשה, עס וואָלט נאָך גענוג געבליבען פאַר אייך.

ווערמעלסקירך. (האָט זיך דערהויבען און געהט אַרום צופּײַפענדיג) וואָס נאָך ווינשט די גנעדיגע פרוי? די לילקע איז מיר אַזש אויסגעגאַנגען פאַר שרעק.

געאָרג. (אַ יונגער, געשיקטער און לעבעדיגער קעלנער, קומט אַרײַן אײַלענדיג, טראָגט אַ טאַץ מיט פריהשטיק-עסען, קומט פון די שטיגען הינטער דער שויבען-טהיר. הינטער דער טהיר בלײַבט ער אַ ווײַלע שטעהן, עפענט זי, קוקט זיך אום אין קאָרידאָר אויף רעכטס און אויף לינקס): צו אַלדע שוואַרץ יאָהר! וואו בין איך ערגעץ פערקראָכען?!

האַננאַ. (לאַכט איבער דער באַליע שטעהענדיג) איהר האָט פערבלאָנדזשעט. צוריק געהט.

גֶעאָרג. עֶס שווינדעלט נאָר פאַר די אויגען, אויף מײַן עֶהרליך וואָרט. אַ פעֶרד מיט צוויי געֶזונדעֶ אויגען וואָלט דאָ קײַן וועֶג נישט געֶפונען.

האַננאַ. אַ נײַער? עֶרשט אָנגעֶקומען?

געֶאָרג. געֶוויס, געֶוויס. עֶרשט נעֶכטען. נו, זאָגט, מײַנעֶ הערען! אַזעֶלכעֶס האָט מיט מיר נאָך נישט פּאַסירט; איך בין דאָך שוין עֶפּיס אויסגעֶוועֶן אין הײַזער. דאָ מוז מען זיך מיטנעֶהמען אַ וועֶג־ווײַזער, אַזוי ווי אין די בערג.

וועֶרמעֶלסקירך. (וויל לאַכען פון איהם) זעֶנט איהר נישט קײַן דרעֶזדעֶנער?

געֶאָרג. ניין. איך בין אַ געֶבוירטיגער פון מײַסען.

וועֶרמעֶלסקירך. מײַסען? דאָס איז מיר נישט אײַנגעֶפאַלען, באמת? איהר רעֶדט עֶרנסט?

געֶאָרג. ווי קומט מען עֶפּיס פון דאַנען אַרויס, זאָגט מיר, איך בעֶט אײַך.

האַננאַ. (קאָקעֶטירט מיט'ן קעֶלנער אויף איהר אייגעֶנער אַרט, זעֶהר מונטעֶר) גלײַך אויף די שטיגען אַרויף, בעֶמיהט אײַך. אַזוינעֶ שפּיעֶל־פייגעֶל דאַרפען מיר נישט דאָ אין קעֶלער.

געֶאָרג. איז דאָס דאָ, מוז זײַן, דער בעֶל־עֶטאַזש פון דאַנען?

האַננאַ. וואָס „בעֶל״עֶט עֶר? אין קעֶלער בײַ אונז וואוינט די אַריסטאָקראַטיעֶ.

געֶאָרג. (לאַכט און צוגעֶנייגט) ליבעֶ, שעֶנעֶ דאַמעֶ! ווייסט איהר, וואָס איך וועֶל אײַך זאָגען: קומט מיט און ווײַזט מיר דעֶם וועֶג אַרויף. מיט אַזאַ ליעֶב ווײַב'ל געֶה איך מיט האָטש צום טײַוועֶל; וואוהין זי זאָל מיך נישט פיהרען, האָב איך קיין מורא נישט צו געֶהן: אין קעֶלער אַרײַן, אויפ'ן בוידעֶם אַרויף צווישען הימעֶל און ערד — אַלײן אײנס — איך געֶה.

האַננאַ. טראָגט אײַך! געֶטראָפען, זעֶהסטו, ס'אָרט, עֶס פעֶהלט דאָ אָהן איהם אַזעֶלכעֶ פײַנעֶ בריות.

געֶאָרג. שעֶנעֶ דאַמעֶ! זאָל איך אײַך העֶלפען וואַשען?

האַננאַ. דאָס נישט. נאָר אַז איהר וועֶט נישט אויפהערען, וועֶל איך אײַך העֶלפען אַרויף אויף די שטיגען. אָט אַזוי! (ציהט אַרויס אַ שטיקעֶל גרעֶט האַלב פון די באַליעֶ) אַ שעֶן פנים וועֶט האָבען אײַער ווײַס פאָרהעֶמדעֶל.

געאָרג. נו, נו. אַזוי שלעכט וועט איהר מיך נישט בע־האַנדלען. מיר וועלען נאָך שמועסען וועגען דעם אַנאַנדער מאָל. נישט וואָהר, שענע דאַמע? געווים, פערשטעהט זיך, מיר וועלען נאָך צייט האָבען זיך דורכצורעדען וועגען די דאָזיגע זאַכען (אָב, דורך די שטיגען).

וועָרמעלסקירך. איך מיין, ער וועט מעהר שוין נישט פערבלאָנדזשען. זיבענהאַר וועט איהם שוין אויסלערנען צו געפינען דעם וועג פון קיך אין שפּייז־זאַל. — האַננאַ! ווען וועט העָנשעל קומען?

האַננאַ. נאָך מיטאָג. זאָל איך איהם עפּיס זאָגען?

וועָרמעלסקירך. גוט, נאָר, איך בעט, איהר זאָלט נישט פערגעסען. זאָגט איהם, זייט אַזוי גוט, אַז איך לאָז איהם גריסען הערצליך.

האַננאַ. סאַרע נאַרישקייטען! איך האָב באַלד פערשטאַנען.

וועָרמעלסקירך. (נייגט זיך לייכט) ווי איינער פערשטעהט. אַגוטען טאָג! (אָב).

האַננאַ. (אַליין, וואַשט העפטיג) וואָלט נאָר הענשעל נישט אַזוי נאַריש געווען.

(אין דער הויף פאַר'ן פענסטער קוקט אַריין דער הענדלער פאַביג).

פאַביג. גוטען מאָרגען, וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט מען גוטס?

האַננאַ. ווער זענט איהר?

פאַביג. פאַביג בין איך, פון קוואַלסדאָרף. איהר דערקענט מיך שוין גאָר נישט? אַגרוס האָב איך פאַר אייך פון שאַטען. ער האָט אייך געהייסען זאָגען... אפשר זאָל איך אַריינגעהן?

האַננאַ. גוט, גוט! איך וויים שוין וואָס. ער וויל שוין ווידער געלד. איך האָב אַליין נישט.

פאַביג. דאָס האָב איך דאָך אויך געזאָגט, גלייבט ער אָבער נישט. זענט איהר אַליין?

האַנאַ. אַנטקעגען וואָס פרעגט איהר?

פאַביג (מיט אַגעדעמפּפטער שטימע) זעהט איהר, איך האָב

עפּיס אויפ'ן האַרץ. דורכ'ן פענסטער קאָנען פרעמדע מענשען נאָך הערען.

האַננאַ. פאַר מיינעטסוועגען, קומט אַריין, אויב איהר ווילט.

(פאַביג פערשוואונדעט פון פענסטער) פונקט היינט מוז ער קומען!

(ווישט אָב די הענד).

פאַביג. (קומט אַריין. אַנ'אָרים געקליידעט, זעהר ריהרעוו-דיג מענשעל, אַנ'ערך 36 יאָהר אַלט; אַ קליין, שיטער בערדיל) אַ שענעם גוטען מאָרגען אייך, מאַדאַמישי!

האַננאַ (בייזליך) אַלערערשטענס, בין איך נישט קיין מאַדאַם.

פאַביג. (איבערגעשפיצט). נו, איך האָב געמיינט, עס וועט נישט לאַנג געדויערען...

האַננאַ. מאוס'ע ליגענד און וויטער גאָרנישט!

פאַביג. ווייס איך וואָס, לייט זאָגען, זאָג איך נאָך. אַז אַזוי ווי די הענשעליכע איז געשטאָרבען, דעריבער...

האַננאַ. פאַר מיינעטסוועגען, זאָלען זיי רעדען! איך טהו מיר מיין אַרבייט... וואָס געהט דאָס מיך אָן?

פאַביג. ס'בעסטע וואָס איהר קאָנט טהון. דאָס זאָג איך דאָך: אַ שפּאַס וואָס מענשען האָבען שוין אויף מיר אויסגעטראַכט! אַז איך האָב גע'גנב'ט טויבען אין אַלטוואַסער... אַ קעלבעל פערגאַפּעט זיך אַמאָל אויף מיר און לויפט מיר נאָך... איז דאָך נישט אַנדערש, פערשטעהט זיך, נאָר אַז איך האָב עס גע'לקח'נט...

האַננאַ. האָט איהר עפּיס צו רעדען, טאָ רעדט. נאָר גיכער!

פאַביג. זעהט איהר, אָט דאָס טענה איך דאָך, מיין געשריי-שטענדיג. וואָס טויג מיר דאָס רעדען און דאָס פלאַפּלען און דאָס מוטלען? איינער האָט אַ פּאָר אַלטע פלודערען, פערגעבענס, צו פערקויפען, רעדט ער און רעדט און רעדט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט געהאַט אַ פּאָלוואַרק צו פערהאַנדלען. דעריבער קורץ, צו דער זאַך: עס האַנדעלט זיך, מאַדאַמישי... האָט נישט פעראיבעל, איך האָב מיך שוין ווידער שיער נישט טועה געווען... איך האָב געוואָלט זאָגען: פריילין, — עס האַנדעלט זיך וועגען דער טאָכטער.

האַננאַ. (העפטיג) איך האָב קיין שום טאָכטער נישט, אויב איהר ווילט וויסען. דאָס מיידעל דאָרט, ביים טאַטען אין שטוב, איז פון מיין שוועסטער.

פאַביג. גאָר אַזוי? איז טאַקי עפּיס אַנדערש. און מיר אַלע

האָבען געמיינט, אַז איהר זענט די מאַמע פון דעם קינד. וואו געפינט זיך דען די שוועסטער?

האַנגאַ. ווייס איך, וואו זי שטעקט ערגיץ! זי איז נישט קיין נאַר, זי וועט זיך נישט ווייזען. זי האָט עס געלאָזט אַייך אויפ'ן האַלז, און אַליין זיך אָבגעטראָגען.

פאַביג. מענשען, מענשען! וועמען זאָל דאָס אַיינפאַלען אין קאָפּ אַריין? איך וואָלט צעהן מאָל געשוואָרען! — נישט נאָר איך, אַלע, קינד און קייט, דאָס גאַנצע דאָרף, אַז דאָס קינד איז אַייערס.

האַנגאַ. יאָ, יאָ! איך ווייס, ווער ס'האָט דאָס אויף מיר אויס-געטראַכט. איך קאָן זיי אַלע אָנרופען ביי די נעמען. זיי ווילען מיין פּנים פערשוואַרצען, מיך לעבעדיגערהייד בעגראָבען. וועלען זיי אַמאָל קומען אויף מיינע הענד, וועל איך מיך מיט זיי אָברעכענען, נישט קשה: זיי וועלען מיך האָבען צו געדענקען.

פאַביג. סיי-ווי-סיי, דערווייל אָבער איז גרויסע צרות. האַלטען האַלט עס, פערשטעהט איהר מיך, מאַדאַמישי, אַזוי: דער אַלטער, אַייער טאַטע — איהר ווייסט דאָך מסתמא אַליין, מילא וואָס קאָן מען טהון? — ער ווערט קיינמאָל נישט ניכטער, שכור'ט און שכורט אַ גאַנצען טאָג אָהן אויפהער. פאַר צוויי יאָהר, אַז אַייער מאַמע עליה השלום האָט געלעבט, האָט ער דאָס מיידעלע געקאָנט איבער-לאָזען אין דער היים. איצט אָבער — די שטוב שטעהט לעדיג. שלעפּט ער זיך מיט איהר אַרום אין שענקען, אין רעסטאָראַציעס, אין אַלע לעכער, פון איין קרעטשמע אַרויס אין דער אַנדערער אַריין. עס רייסט ביים האַרץ צו קוקען דערויף; ווי וואָהר איך לעב: אַ רחמנות. —

האַנגאַ. (העפטיג) בין איך אפשר שולדיג, אַז ער שכור'ט?

פאַביג. הלילה וחס! ווער זאָגט דען, אַז איהר זענט שולדיג? מילא, דער אַלטער — פערפאַלען, קיין מיטעל וועט איהם נישט העלפען, נאָר אויף דעם אָרימען בעשעפעניש'על איז בנאמנות אַ גרויס רחמנות. צעהן וואָכען וועט עס נישט אָנטרייבען ווייטער אַזוי, אַז מען זאָל עס נישט אָבנעהמען ביים אַלטען און אַוועקגעבען צו גוטע מענשען אין די הענד אַריין.

האַנגאַ. (פערביסען, איינגעשפּאַרט) דאָס געהט מיך נישט אָן. צו מיר קאָן איך עס נישט נעהמען. איך האָב אַזוי אויך גענוג אויף מיין קאָפּ.

פאביג. קומט אמאל אריבער קיין קאלסדארף און גיט איינמאל א קוק דערהיף. דאס בעסטע, ד'לעבען, וואלט דאס געווען. איהר זאלט זעהן א מיידעלע! אזא שען גאלדען פנים'ל! און הענדטלעך און פיסלעך האט עס, דינטשיקע, איידעלע, ווי פון פארצעלאן.

האננא. ס'איז נישט מיין קינד. ס'געהט מיך נישט אן.

פאביג. ווער זאגט דען יא? אדרבא, קומט אריבער און גיט עפים אנ'עצה. מ'קאן נישט צוקוקען... אז מען שלעפט זיך אזוי ארום אין די שענקען, אין מיטען דער נאכט, צי ווען עס איז — זעהט איהר, מיין געשעפט פאדערט דאס, איך בין הלילה קיין שכור נישט — און מען זעהט דאס קינד זיצט מיט'ן טאטע'ן אין רויך, קאן עס איינעם די נשמה ארויסנעהמען, צוקוקענדיג.

האננא. די שענקער'ס דארפען איהם נישט אריינצולאזען. זאלען זיי נעהמען א שטעקען און איהם גוט אונטערברעכען די זייטען, וועט ער קומען צו'ם שכל. — א פוהר איז פערפאהרען אין הויף אריין. נא, האט איהר א דרייערל. געהט אייך איצט געזונדטערהייד. איך וועל מיר נאך איבערלעגען. איצט וויל איך דערפון מעהר נישט רעדען. נאר הערט: האלט ס'מויל! אויבען אין דער שענק נישט דערמאנען קיין ווארט פון דעם, אויב נישט, קען איך אייך מעהר נישט.

פאביג. געוויס וועל איך שווייגען, וואס געהט דאס מיך אן? איך וועל נישט געהן זוכען, וואס דארט איז פערשריבען אין די מעטריקעס, צי דאס קינד איז אייער, אדער דער שוועסטער'ס. און ס'מויל האלטען קאן איך, אז מ'בעדארף. נאר וואס האב איך אייך געוואלט זאגען: אויב איהר ווילט פאלגען א גוטע עצה, איז אם בעסטען, איהר זאלט דאס באלד דערצעהלען הענשלען, ער וועט אייך דעם קאפ נישט אראבררייסען דערפאר.

האננא. (אל'ין מעהר אויפגערעגט, ווייל ס'לאזט זיך שוין הערען הענשעל'ס שטים) אזא מין פלאפלער! א שלאק קאן איינעם טרעפען פון זיינע מיטלען! (אב אין קאמער)

הענשעל. (קומט אריין; ערנסט, פאמעליך. ער טראגט א שווארצען אנצוג, א צילינדער, ווייסע געשטריקטע הענדשקעס)

הענשעל. (בלייבט שטעהן, קוקט אן פאביג'ן פאמעליך און נאכדענקענד. איינפאך און רוהיג) ווער זענט איהר?

פאביג. (מיט געקינסטעלטער הייטערקייט) אלטווארג קויף!

איך, פּאַפּיר, מעבעל, הויזען, רעקלעך, אַלץ האָט ס׳טרעפט זיך.

הענשעל. (נאָך אַ לאַנגען בליק, גוטמוטהיג נאָר ענטשלאָסען) זייט מוהל, אַרויס!

(פּאַביג אָב מיט אַ פערשעמטען שמייכעל אויף די ליפּען.)

הענשעל. (נעהמט אַראָב דעם צילינדער, ווישט איבער דעם שטערן און דעם קאַרק מיט אַ קאָליערט טיכעל, שטעלט אַניעדער דעם צילינדער אויפ׳ן טיש און זאָגט, מיט׳ן פּנים געווענדט צו דער קאַמער) מיידעל, וואו ביסטו?

האַננאַ. ביי גוטש׳ען בין איך, דאָ, אין קאַמער.

הענשעל. גוט, גוט. איך קאָן וואַרטען. (זעצט זיך און זיפצט אָב טיעף) אָ, יאָ! מ׳ליידט זיך אָן אויף דער וועלט!

האַננאַ. (קומט אַריין זעהר בעשעפטיגט) דאָס עסען איז די מינוט פערטיג — שוין!

הענשעל. איך קאָן נישט עסען. — מיך הונגערט נישט.

האַננאַ. עסען און טרינקען דערהאַלט אַ מענש. איך האָב אַמאָל געדיענט ביי אַ שעפער, פלעגט ער שטענדיג זאָגען: דריקט איינעם עפּעס אויפ׳ן האַרץ, צי ער האָט עפּיס אַ גרויסע זאָרג, זאָל ער נאָר עסען, צי עס הונגערט יאָ, צי נישט, אַלץ איינס — עסען.

הענשעל. קאָך אָב ס׳מיטאָג. מיר וועלען שוין זעהן.

האַננאַ. דער הער דאַרף זיך נישט אַזוי אָבצולאָזען. איהר האָט נאָך אַ לעבען פאַר זיך...

הענשעל. האָראַנד דער אַיינבינדער איז דאָ געוועזן?

האַננאַ. אין אָרדנונג. ער האָט געבּרענגט פיערציג ניַיע בילעטען. אויף דער קאָמאָדע דאָ ליעגען זיי.

הענשעל. אַ! הייבט זיך שוין ווידער אָן דאָס פאָהרעכץ: טאָג־איין טאָג־אויס, יעדען אין דער־פריה, יעדען נאָך־מיטאָג שפּאַנען אַיין דעם אָמניבוס, פאָהר קיין פרייבורג און שלעפּ אַריבער די הברה קראַנקע איבער׳ן באַרג.

האַננאַ. דער הער אַרבייט אַליין צופיעל. דער אַלטער הויפּפע קוים וואָס ער קריכט. וואָס קאָן מען טהון, איך אויף אייער אָרט וואָלט איהם געהייסען געהן.

הענשעל. (דערהייבט זיך, געהט צו צום פענסטער) עס איז מיר שוין דערעסען געוואָרען דאָס געשעפט. פון מיינעטסוועגען, קאָן עס געהן צום טייוועל. היינט אָדער מאָרגען, איין שוואַרץ יאָהר.

די פערד צום שינדער, די וועגען — אויף ברענהאָלץ, אַליין זוכט מען זיך אוים אַקליין, פעסט שטריקעל — — — איך וועל אַרויסגעהן אויף אַמינוט צו זיבענהאַר׳ן.

האַננאַ. איך האָב אייך געוואָלט עפּעס זאָגען.

העָנשעָל. נו, רעד, איך הער.

האַננאַ. זעהט איהר, מיר איז גאָר נישט אַזוי גרינג, (מיט אַוויינענדיג קול) מיין ברודער דאַרף מיך נוטיג אין שטוב (ברעכט אוים אין אַגעוויין) איך וועל מוזען געהן פון האַנען.

העָנשעָל. (איבעררַאשט ביז צום לעצטען גראַד) ביסט נישט ביים קלאָרען זין, צי וואָס? איך בעט דיך, רעד מיר מעהר נישט פון דעם.

האַננאַ. (שטעהט, וויינענדיג מיט קראָקאָדיל־טרעהרען, די שערץ פאַר די אויגען).

העָנשעָל. הער מיך אוים, מיידעל! דו וועסט דאָך מיר יעצט אַזוינס נישט אָבטהון? דאָס וואָלט נאָך געפעהלט. ווער זאָל דאָ פיהרען די ווירטשאַפט? איצט שטעהט דער זומער פאַר דער טהיר, ווילסט דו מיך איצט לאָזען אַזוי?

האַננאַ. (ווי פריהער) ס׳איז מיר נאָר אַרחמנות אויפ׳ן קינד.

העָנשעָל. ווער־זשע זאָל זיך אָבגעבען דערמיט, אויב דו נישט?

האַננאַ. (מאַכט אַ פנים ווי זי וואָלט זיך מיט געוואַלד בעמיהט צו בערוהיגען) וואָס קאָן איך טהון?

העָנשעָל. אַז מען וויל נאָר, קאָן מען. האָסט מיר ביז אַהער קיין וואָרט נישט גערעדט דערפון, און פלוצלונג נאַ דיר אַ מעשה מיט אַברודער. — צי האָב איך דיך מיט אַפינגער אָנגעריהרט? פאַסט דיר שוין נישט צו בלייבען ביי מיר?

האַננאַ. איך זאָל נאָר נישט זיין אַזוי אין מויל ביי אַלעם.

העָנשעָל. וואָס אין די מיילער? —

האַננאַ. וויים איך וואָס? בעסער, אַז מען הערט נישט.

העָנשעָל. איך האָלט האָטש געוואוסט, וואָס דו מיינסט?

האַננאַ. איך טהו מיר מיין אַרבייט, נעהם מיין געהאַלט: בערעדען מיך וועל איך נישט צולאָזען. אַז די מאַדאַם האָט געלעבט, האָב איך געהאָרעוועט אַגאַנצען טאָג; איצט, אַז זי איז טויט, וואָלט איך מיך אַודאי נישט געפוילט צו טהון. נאָר אַז אַלע האָבען מיך

אין מויל: נאָר וואָס מען רעדט, אַז איך פּוץ מיך צו, אַז איך וויל ווערען די מאַדאַם. ווייל איך מיר ליעבער זוכען אַנ'אַנדער אָרט צו פערדיענען מיין ברויט.

הענשעל. (ערלייכטערט) נאָר דאָס? ווי־זשע ליעבער שטיל!

האַננאַ. (נעהמט עפּיס צו טהון, כּדי זיך צו דערוויטערען).
ניין, ניין, איך געה! איך קאָן נישט בלייבען. (אָב)

הענשעל. (רעדט איהר נאָך) לייט רעדען, זאָלען זיי רעדען! צו דעם האָבען זיי מיילער. (טהוט אויס דעם שוואַרצען ראָק, הענגט איהם אויף, זיפצט אָב) דאָס קניפּעל זאָרג ווערט אַ פּנים נישט קלענער.

זיבענהאַר. (קומט אַריין פאַמעליך, טראָגט אַ פלאַש וואַסער אין האַנד און אַ גלאָז) גוט מאָרגען, הענשעל!

הענשעל. אַ שענעם גוטען מאָרגען אייך, הער זיבענהאַר.

זיבענהאַר. שטער איך נישט?

הענשעל. וואָס רעדט איהר? האָסטו געהערט! איהר זענט אַ ליעבער גאַסט.

זיבענהאַר. (שטעלט די פלאַש און דאָס גלאָז אויפ'ן טיש) איך מוז שוין ווידער אָנהויבען די קוראַציע, האָב שוין ווידער צו טהון מיט'ן האַלז. נו יאָ, אויף עפּיס אַ קרענק מוז דאָך יעדער מענש שטאַרבען.

הענשעל. נאָר טרינקען וואַסער, טרינקען כּסדר. דאָס מוז אויסהיילען.

זיבענהאַר. איך טהו מאַקי אַזוי.

הענשעל. נישט קיין מיהל־ברונען, נישט אַבער־ברונען. אונזער וואַסער, איז אַם בעסטען.

זיבענהאַר. נו, לאָמיר רעדען פון עפּיס אַנדערש. (פערטראַכט זיך, נעהמט אין האַנד אַ צווייגעל מיט בלעטער, וואָס ס'ליעגט אויפ'ן טיש, און שפּיעלט זיך דערמיט. ער לאָזט עס אויפ'ן טיש צוריק ליעגען, קוקט אָן שטום דעם צילינדער, דערנאָך הענשל'ען, און זאָגט פלוצלינג) היינט איז דער געבורטס־טאָג פון אייער וויב?

הענשעל. היינט וואָלט זי געוואָרען זעקס און דרייסיג יאָהר.

זיבענהאַר. וואָס איהר זאָגט?

הענשעל. יאָ, יאָ... (פויזע)

זיבענהאַר. הענשעל, איך וועל אייך איצט ליעבער לאָזען אַליין. אויב איהר וועט מאָרגען האָבען צייט, האָב איך מיט אייך

צו רעדען עפּיס הענגען געשעפּט.

הענשעל. בעסער באלד.

זיבענהאר. וועגען די טויזענד טהאלער, פערשטעהט איהר, האָב איך געוואָלט רעדען.

הענשעל. לאָזט געמאַך, הער זיבענהאר. איהר דאַרפט נישט ווייטער רעדען. איהר קאָנט זיי האַלטען ביז ווינטער. זעהט איהר: וואָס האָב איך ליגענד צו זאָגען? איך דאַרף זיי איצט נישט, און אַז איהר זענט קראַנט, דאָס ווייס איך.

זיבענהאר. קאָן איך אייך נאָר דאַנקען, הענשעל. איהר טהוט מיר אַ גרויסע געפעליגקייט. דורכ'ן זומער, ווייסט איהר דאָך, קומט איין אַביסעל געלד. איצט וואָלט מיר ווירקליך שווער געווען צו צאָהלען.

הענשעל. זעהט איהר, זענען מיר ביידע צופריעדען. (פּויזע)

זיבענהאר. (דרעהט זיך אַרום אין שטוב) יאָ, יאָ, טיילמאָל וואונדער איך מיך אַליין: אין דעם הויז בין איך דאָך אויפגעוואַקסען. און היינט, אַז איך וואָלט נאָר געקאָנט אָבהאַקען פון דעם געשעפט און ווי עס איז פּטור ווערען דערפון, וואָלט איך דאָס הויז פערלאָזט מיט'ן רוהיגסטען געוויסען.

הענשעל. איך וואָלט נישט גערן אַרויס, דאָס מוז איך צוגעבען. איך וואָלט נישט געוואוסט, וואו מען טהוט זיך אַהין.

זיבענהאר. נו, איהר זענט דאָ געקומען צו זיך. די זעלבע אומשטענדען, — פערשטעהט איהר, וואָס איך זאָג, — געגען וועלכע מיר איז אַזוי שווער געווען ביישטעהן, האָבען אייך געהאָלפען צו מאַכען אַ פערמעגען.

הענשעל. איינעם פעהלט דאָס, אַ צווייטען — יענץ. און ווען ס'איז ערגער, דאָס ווייס קיינער נישט. זעהט איהר, איך שטעה איצט ווי דערשלאָגענער וויין אויפ'ן פעלד. צי וועל איך נאָך אויפשטעהן אמאָל... איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר טהוט זיך.

(פּויזע.)

זיבענהאר. הענשעל! אַלץ האָט זיין צייט.. איהר מוזט איינמאָל אויף אַלע מאָל זיך נעהמען צו לעבען. איהר דאַרפט קומען צווישען מענשען, הערען, זעהן, אמאָל אַ גלאָז ביער טרינקען, פעסט זיך נעהמען צום געשעפט, און נישט שטענדיג אַרומטראָגען זיך מיט אייער אומגליק. מ'קאָן נישט אַנדערש מאַכען, דעריבער — ווייטער, פאָרווערטס!

העננשעל. אזוי איז עס, איהר האט רעכט.

זיבענהאר. געוויס. אייער פרוי איז געוועזען דאס בעסטע, טייערסטע ווייב. אומעטום וועט איהר דאס הערען, נאר איהר שטעהט נאך אין מיטען לעבען, העננשעל, אין די בעסטע יאהרען. איהר האט נאך פיעל צו טהון אויף דער וועלט, און ווער ווייס, וואס אייך שטעהט נאך פאר. אייער ווייב האט איהר נישט פערגעסען, פערקעהרט, אזא מענש ווי איהר פערגעסט נישט אזוי גרינג. נאר איהר דארפט צו געפינען א געזונדען, ריכטיגען וועג, ווי אזוי צו עהרען איהר אנדענקען. וואס קאן מען טהון! איך קוק אייך שוין נאך א היבשע צייט און וויל שוין לאנג רעדען מיט אייך אפען. הארציג: איהר נעהמט אייך צופיעל צום הארץ און ווערט אב-געלאזען.

העננשעל. וואס טהוט מען אבער, הער זיבענהאר? איהר זענט גערעכט, איך זאג נישט ניין; מ'קאן זיך אבער אמאל אליין קיין עצה נישט געפינען. וויל איך מיך אבגעבען מיט'ן געשעפט, בין איך איינער אליין. צוויי פאר אויגען זעהען מעהר ווי איין פאר, צוויי פאר הענד קאנען מעהר אויפטהון ווי איין פאר. אזוי פיעל קאטשען אין דעם סעזאן! ווער זאל אכטונג געבען אין דער היים אויפ'ן הויז? דאס איז נישט אזוי גרינג...

זיבענהאר. האננא, דוכט זיך, איז א גאנץ טיכטיג מיידעל.

העננשעל. נו זעהט איהר, האט זי מיר היינט געקינדיגט. אהן א ווייב איז שווער אויסצוקומען. מען קאן זיך אויף קיינעם נישט פערלאזען. אט דאס איז די צרה!

זיבענהאר. האט התונה, העננשעל.

העננשעל. דאס וואלט געוועזען צום בעסטען. — אהן א ווייב, וואס הייבט מען אן צו טהון? אונזער איינער קאן אהן א ווייב נישט אויסקומען. ערשט איך האב געטראכט ארויפצוגעהן און האלטען זיך אנ'עצה מיט דער מאדאם. אפשר וועט זי מיר וויסען צו ראטהען. — אזוי פלוצלונג איז דאס מיר געקומען! אין מיטען דרינען איז זי מיר געשטארבען. איך זאל די וואהרהייט זאגען: דאס געשעפט געהט אויך צוריק. ווי לאנג נאך וועלען מיר הא-בען דא באהנען. נו זעהט איהר, מיר האבען אביסעל געלד אבגעשפארט דורך דער צייט, וועלען מיר זיך מאכען עפיס א קליין געשעפט, אין א יאהר ארום, אדער אין צוויי, — נאר אהן

אַ ווײַב ווי גערט מען צו צו אַ געשעפט.

זיבענהאַר. נו, געווים, לאַנג קאָן דאָס דאָך נישט דויערען אַזוי. איהר וועט דאָך נישט בלײַבען זיצען אַנ'אַלמן אויפ'ן גאַנצען לעבען, איהר וועט עס נישט טהון צוליעב דעם קינד.

הענשעל. אָט דאָס זאָג איך דאָך.

זיבענהאַר. נישט מײַן זאַך אפילו, איך דאַרף מיך נישט אַרײַנמישען, נאָר מיר זענען דאָך עפּיס אַלטע גוטע פרײַנד. נאָר צוליעב מענשען וואַרטען, מורא צו האָבען וואָס לײַט וועלען זאָגען, דאָס האַלט איך פאַר אַנ'אומזין, הענשעל, דורך און דורך פאַר אַ נאַרישקײַט. האָט איהר בעשטימט, ערנסט הייסט עס, בעשטימט, התונה צו האָבען, איז בעסער פאַר אײַך און פאַר'ן קינד — וואָס גיכער. נישט אין אײַלעניש און האַפּעניש — עס פערשטעהט זיך. האָט איהר אָבער אײנמאָל בעשלאָסען, דאַן פּאָרוועטס אָהן וואַקעלניש! וואָס נוצט דאָס וואַרטען? (נאָך אַ פּויזע, בשעת ווען הענשעל האָט זיך געקראַצט אונטער'ן אויער) האָט איהר ווען אין אויג?

הענשעל. — — צי איך האָב אין אויג, וואָס זאָל איך זאָגען? אפשר יאָ, נאָר איך קאָן זי נישט נעהמען.

זיבענהאַר. פאַר וואָס?

הענשעל. — איהר ווייסט דאָס אַליין.

זיבענהאַר. איך? ווייס? פון וואַנען זאָל איך וויסען?

הענשעל. פּרובט נאָר אַ קלער געבען.

זיבענהאַר. — — — איך קאָן מיך נישט דערמאָהנען.

הענשעל. איך האָב מײַן ווײַב געמוזט צוזאָגען.

זיבענהאַר. — — — ? אַזוי?! דאָס מיידעל מיינט איהר, די דיענסט האַננאַ? האַננאַ? (פּויזע)

הענשעל. דאָס מיידעל איז מיר אין קאָפּ אַרײַן. וואָס האָב איך דאָ צו בעהאַלטען? אַז איך וואַך אַמאָל אויף בײַנאַכט, ליעג איך אָב שעה'ען לאַנג און טראַכט כסדר. שטענדיג מוז איך דערפון טראַכטען. איך קאָן עס מיר נישט אַרויסשלאָגען פון געדאַנק. (פּויזע) אַ גוט מיידעל בין גאָר, אַביסעל צו יונג פאַר אַזאַ אַלטען ווי איך; אַרבייטען קאָן זי אָבער פאַר פיער מאַנספערשוינען, און מיט גוטשע'ן בעגעהט זי זיך גוט, אַנ'אייגענע מאַמע קאָן בעסער נישט זײַן. און חוץ דעם אַלעם האָט זי אַ קאָפּ, אַ קאָפּ, זאָג איך אײַך, קליגער פאַר מיר: און רעכענען קאָן זי בעסער פאַר מיר. אויף העלער,

אויף פֿעניג, און אויף אַלערליי געלדער. און געדענקען געדענקט זי וואָכען־לאַנג יעדען פֿעניג. צוויי אַדוואָקאַטען, זאָג איך אייך, וואָלט זי געקאָנט פֿיהרען פֿאַר דער נאָז,

ז י ב ע נ ה אַ ר. נו, יאָ, אויב איהר זענט איבערצייגט אין דעם אַלעם....

ה ע נ ש ע ל. קיין בעסערע פֿרוי פֿאַר איהר קאָן איך מיר נישט ווינשען. און דאָך! איך קאָן נישט אַריבער... (פּויזע)

ז י ב ע נ ה אַ ר. — אַה יאָ, איצט הייב איך מיך אָן צו דער־מאָהנען. ערשט נישט לאַנג דאָ, אין דער לעצטער צייט, איז עס געוועזען. איך קאָן אייך אָבער גאַנץ אָפֿען זאָגען: איך האָב די זאַך נישט גענומען אַזוי ערנסט. — אייער ווייב איז דעמאָלט געוועזען זעהר אויפֿגערעגט. דאָס איז מעהר געלעגען אין איהר קרענק. — לויט מיין מיינונג, איז נישט דאָס די הויפּט־פֿראַגע. די הויפּט־פֿראַגע קאָן דאַגעגען נאָר זיין אַזוי: צי פּאַסט האַננאַ פֿאַר אייך, אָדער נישט? זי האָט אַ סך מעלות, אונבעדינגט! אַנדערע זאַכען געפֿעהלען מיר גראָד נישט אין איהר. נאָר פֿעהלער: ווער איז דאָס אינגאַנצען אָהן פֿעהלער? זי זאָל שוין האָבען ערגיץ אַ קינד, זאָגט מען.

ה ע נ ש ע ל. אמת, זי האָט אַ קינד. איך בין געוואָהר געוואָרען. איז וואָס? מאַך איך מיר אויך נישט פֿיעל דעראויס. צי דען האָט זי געדאַרפֿט אויף מיר וואַרטען? זי האָט דעמאָלט נאָך גאָר נישט געוואוסט פֿון מיר. די מויד איז געזונד, קאָכעדיג־בלוט, וואָס ווילט איהר האָבען? אַז די עפּעלעך ווערען צייטיג, פֿאַלען זיי אַליין אַראָב פֿון בוים. אויב נאָר דעריבער, וואָלט איך גאָר נישט געקלערט.

ז י ב ע נ ה אַ ר. אויב אַזוי — אַלץ איבריגע איז נאָר אַ נעבען־זאַך. און אפילו מען זאָל זאָגען, אַז ס'איז יאָ וויכטיג — איך פֿערשטעה, אַזאַ זאַך גריבעלט אין דער נשמה — מוז מען זיך אָבער שטאַרקען און זיך בעפֿרייען דערפֿון. שווער מאַכען זיך דאָס לעבען, טראָץ וואָס איהר ווייסט, אַז האַננאַ איז פֿאַר אייך, דאָס וואָלט געוועזען די גרעסטע נאַרישקייט, הענשעל.

ה ע נ ש ע ל. איך אַליין האָב מיר שוין דאָס נישט איינמאָל געזאָגט. זי האָט דאָך נאָר געמיינט מיין טובה, איך מיין, מיין ווייב, ווען זי איז געזונד געוועזען. זי וויל דאָך מיר איצט נישט שטעהן אין וועג. וואו זי זאָל נישט זיין איצט, וויל זי דאָך מיין גליק.

ז י ב ע נ ה אַ ר. געוויס.

הענשעל. היינט בין איך געווען אויף איהר קבר. די מאַדאַם האָט אויך געלאָזט לעגען אַ קראַנץ. — איך האָב מיר געטראַכט: „געה אַהין, הענשעלע", האָב איך געטראַכט. „אפשר וועט זי דיר צו־שיקען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, אפשר וועסט דו דאָ, אויף איהר קבר, בעשליסען אַהין, צי אַהער". אַלטע! האָב איך גערעדט אין געדאַנק, גיב מיר אַ צייכען! יאָ, אָדער ניין? ווי עס וועט אויס־פאַלען, אַזוי זאָל רעכט זיין. אַ האַלבע שעה בין איך געשטאַנען. איך האָב געבעטען און האָב איהר אַלץ דערצעהלט געני׳, ווי פאַר מיר אַליין: וועגען דעם קינד און וועגען גאַסט־הויז, און אַז אויך אין געשעפט האָב איך דעם קאָפּ פערלאָרען, — זי האָט מיר אָבער קיין שום צייכען נישט געגעבען.

האַננאַ (קומט אַריין, וואַרפט זייטען־בליקען אויף די וואָס רעדען, נעהמט זיך באַלד צו דער אַרבייט, זי שטעלט אַוועק אין אַ זייט דאָס טישעל מיט דער באַליע און נעהמט עפּעס טהון ביים אויווען).

זיבענהאַר. (צו הענשל׳ען) גאָט לאָזט די טוידטע זייער רוה האָבען. איהר זענט אַ מאַנספּערשוין, אין מיטען בעסטען לעבען. וואָס דאַרפט איהר צייכענס און וואונדער זאָלען געשעהן, הענשעל? מיר קאָנען גאַניץ גוט אויסקומען אויף דער וועלט מיט אונזער ביסעל פערשטאַנד. געהט אייך אייער וועג פראָסט. אויף אייער שיף זענט איהר קאַפּיטאַן. אַלע נאַרישקייטען און חלומות — אַרויס וואַרפט! אין וואַסער אַריין! וואָס מעהר איך לעג מיר איבער די זאַך, אַלץ ערנסטער קומט זי מיר פאָר...

הענשעל. האַננאַ, וואָס זאָגסט דו דערצו?

האַננאַ. וואָס וויים איך? איך קאָן נישט וויסען, פון וואָס איהר רעדט.

הענשעל. וואַרט נאָר. אַ ביסעל שפּעטער וועל איך דיר זאָגען.

זיבענהאַר. אַדיע, הענשעל! צום ווידערזעהן. וואונש גליק אויפ׳ן וועג!

הענשעל. גאָט וועט העלפען.

זיבענהאַר. איך האָב וועגען אייך וועניג זאָרג. איהר האָט אומעטום מזל. (אָב)

הענשעל. נאָר קיין עין־הרע נישט, הער זיבענהאַר.

האַננאַ. דרײַ מאָל אויסשפּײַען: טפֿו! טפֿו! טפֿו! (פּויזע)

האַננאַ. איך קאָן מיר נישט העלפֿען. איהר זענט צו גוט.

הענשעל. וועגען וואָס רעדסט דו? האַ?

האַננאַ. מענשען מאַכען איהם בדלות, קאָן מען זאָגען.

הענשעל. דו מײנסט, ער וויל עפּיס האָבען פֿון מיר?

האַננאַ. וואָס דען וויל ער? ער מעג זיך שעמען צו בעטלען בײַ אָרימע מענשען.

הענשעל. — דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט.

האַננאַ. אָ, איך ווייס צו גוט.

הענשעל. דו ווייסט טאַקי נישט. דו קאָנסט גאָר נישט וויסען. שפּעטער אַביסעל וועסט דו שוין געוואָהר ווערען. — איצט וועל איך אַרויפגעהן אין שענק אַרײַן און וועל מיר הייסען געבען אַ קופּעל ביער. זינט אַכט וואָכען איז דאָס מײַן בעסט מאָהלצײַט. דערנאָך וועלען מיר עסען מיטאָג, און נאָכ'ן מיטאָג — הער, וואָס איך זאָג — האָב איך אַוואָרט מיט דיר צו רעדען. וועלען מיר זעהן, וואָס פֿון דעם אַלעם וועט אַרויס. אפשר האָסטו קײן לוסט נישט דערצו?

האַננאַ. איהר האָט דאָך אַלײן געזאָגט: מיר וועלען זעהן.

הענשעל. דאָס זאָג איך טאַקי: מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהן. (אָב)

האַננאַ (פּאָרעט זיך אַלײן ווײַטער, אַז הענשעל האָט זיך דערווײַטערט און מען הערט שוין נישט זײַנע טריט, הערט זי פּלוצלינג אויף, ווישט אָב די הענד, קוים וואָס זי קאָן אײַנהאַלטען די שמחה אין האַרץ, רײַסט אַראָב פֿון זיך דאָס פֿאַרטוך א. ז. וו. זאָגט טריאומפירענד) איצטער וועל איך אײַך ווײַזען, וואַרט!

דריטער אקט.

דאס זעלבע צימער פון די פריהערדיגע אַקטען. אַנ'אָבענד ענדע נאָוועמבער. אין אויווען ברענט פייער, אויפ'ן טיש שטעהט אַ ליכט. די מיטעלע טהיר איז צוגעשלאָסען. פון איבערשטען שטאָק הערט זיך קוים אַ טאַנץ-מוזיק. האַננאַ. איצט שוין הענשעל'ס ווייב, זיצט ביי'ם טיש און שטריקט; געקליידעט מיט געשמאַק, ריין, אין בלויען קאָטון, דערצו טראָגט זי אַ רויט ברוסטוך. דער מייסטער הילדעבראַנט, אַ שמיעד, אַ קליין נערוועאיש מענשעל, קומט אריין.

הילדעבראַנט. גוטען אָבענד, פרוי הענשעל! וואו איז ערגיץ דער מאַן?

האַננאַ. געפאָהרען קיין ברעסלוי, דריי נייע פערד קויפט ער דאָרט.

הילדעבראַנט. היינט אַפנים וועט ער נישט קומען? וואָס?

האַננאַ. ער וועט נישט קומען פאַר מאָנטאָג.

הילדעבראַנט. היינט האָבען מיר שבת. — דעם וואָגען האָב איך אָבגעבראַכט, הינטער דער שטאַל שטעהט ער. איך האָב געמוזט געבען פיער נייע רייפען. הויפפע איז דאָ?

האַננאַ. הויפפע איז שוין לאַנג נישט ביי אונז!

הילדעבראַנט. צום טייוועל! וואָס רעד איך! איך האָב געוואָלט זאָגען: דער נייער... איך מיין: צי איז שוואַרצער דאָ?

האַננאַ. ער איז מיטגעפאָהרען קיין ברעסלוי.

הילדעבראַנט. זעהסטו! איך זאָל נישט ויסען, אַז איהר האָט אָבגעשאַפט הויפפע'ן! ער זיצט ביי מיר אָב שעה'ען-לאַנג אין דער קוזשניע און גאַפעט כסדר, אויפ'ן אייזען אין פייער. ער האָט אַליץ נאָך נישט קיין שטעל בעקומען.

האַננאַ. מען זאָגט, אַז ער האָט אָנגעהויבען טרינקען.

הילדעבראנט. איך האב מורא, אז ער וועט נישט אנדערש ענדיגען. מיט דעם אלטען איז שלעכט, וועלכער נאר וועט איהם איצט נעהמען? — וואס איז דאס אויבען פאר א שפיעלען?

האננא. מ'טאנצט אויבען. א באל...

הילדעבראנט. א שטייגער וואס וואלט געווען, פרוי הענשעל, אז מיר ביידע זאלען אזוי נעהמען טאנצען? אפשר וועלען מיר זיך לאזען א וואלץ?

האננא. מען וואלט אונז אנגעקוקט ווי משוגע. — וואס האט איהר בעדארפט מיין מאן, הער מייסטער?

הילדעבראנט. דער וואוּיט האט איין אגיער, ווייסט איהר דאך, לאזט ער זיך נישט קאווען. בין איך געקומען בעטען הענשעלען. — אז ער וועט די ווילדע בעסטיע נישט איינהאלטען אויפ'ן ארט, וועט קיין שום טייוועל שוין נישט העלפען. א גוטע נאכט, פרוי הענשעל.

האננא. א גוטע נאכט, הער מייסטער. (הילדעבראנט אב)

האננא. (בשעת ווען פון דרויסען אין קארידאר הערט זיך א שטיל גערויש, און זי הארכט אויף). וואס קריכט דאס דארט? (געהט צו און עפענט די טהיר) ווער רוישט דאס דארטען?

פראנציסקא. (קומט אריין טאנצענדיג) פלאץ, פלאץ מאכט, פרוי הענשעל, איך האב נישט קיין צייט! (זי דרעהט זיך ארום טיש לויט'ן טאקט פון וואלץ, וואס מען הערט פון אויבען).

האננא. קוקט זי נאר אן, ביזט פון זינען אראב? א משוגע'נער הונד האט דיך געביסען? וואס טהוט זיך מיט דיר?

פראנציסקא. (טאנצט, נישט צו מערקען די רעד, ווייטער און זינגט צו די מעלאדיע).

האננא. טאטע פאטער אין הימעל, וואס איז מיט דעם מיידעל? דו ביזט דאך משוגע! א שלאג האט דיך געטראפען!

פראנציסקא. (די מוזיק האט אבגעהאקט, פאלט זי אניעדער מיעד אויפ'ן בענקיל.) איך וואלט מיך טויט געטאנצט, פרוי הענשעל!

האננא. (לאכט) א, א, אויף דיר קאן מען גלויבען, דו קאנסט דיך טאקי טויט טאנצען. א געוויין געהט אזש אן, אז מען קוקט אויף דיר.

פראנציסקא. איהר טאנצט נישט?

האננא. איך? צי איך טאנץ? א שענע פראגע, כ'לעבען א פאר שיך קאן איך דורך א נאכט אבטאנצען.

פראַנציסקאַ. קומט, טאַנצט אַמאָל מיט מיר.

האַננאַ. געה ליעבער אַרויף און טאַנץ מיט.

פראַנציסקאַ. אָ, איך זאָל נאָר קענען אַרויף. ווייסט איהר, וואָס איך וועל טהון: איך גנב'ע מיך אַרויף אויבען, אין דער גאַלעריע. איהר זענט שוין אַמאָל דאָרטען געווען? אין גרויסען זאַל אויף דער גאַלעריע? דאָרט וואו ס'שטעהען די זעק געטריקענטע פלוימען. נאָך וועמען פרעג איך! איך געה מיר אַרויף און קוק מיר אַראָב. איך וועל עסען פלוימען און אַראָבקוקען. פאַר וואָס זאָל איך נישט טאָרען אַראָבקוקען?

האַננאַ. אפשר וועט דיך זיבענהאַר שיקען רופען אַראָב.

פראַנציסקאַ. איך פרעג נאָך קיינעם נישט און קוק מיר אַראָב. וואָס געהט דאָס מיך אָן? נאָר טאָמיר טאַנצט איינע מיט זיבענהאַר'ן, וועל איך נעהמען שיסען אויף איהר מיט די קערנדלעך, אַז זי וועט האָבען צו געדענקען.

האַננאַ. דו ביזט, זעהט אויס, גוט פערקאָכט אין זיבענ-האַר'ן.

פראַנציסקאַ. ער איז דער איידעלסטער פון אַלע. (מוזיק גו, שוין ווידער, אַ פּאָלקע געהט. (נעהמט ווידער טאַנצען) מיט זיבענהאַר'ן וואָלט איך באַלד געוואָלט טאַנצען. און איידער ער קוקט זיך אום, קריגט ער פון מיר אַ קוש, אַזוי, גלאַט אַ קוש, נישט מיר, נישט דיר.

האַננאַ. דיין זיבענהאַר איז פאַר מיר צו אַלט.

פראַנציסקאַ. אייער מאַן, פרוי העגשעל, איז דאָך נישט יונגער פאַר איהם.

האַננאַ. פערשייט שטיק דו איינע! דו... מיין מאַן איז מיט פינף יאָהר יונגער, זאָג איך דיר. האָסט געהערט?

פראַנציסקאַ. ווייס איך? אויסזעהן זעהט ער אויס עלטער פאַר זיבענהאַר'ן. ער איז אַזוי אַלט און דאָס גאַנצע פּנים אין קנייטשען! ניין, ניין! איהם וואָלט איך קיין קוש נישט געגעבען.

האַננאַ. טראָגסט דיך אָב פון דאַנען, אָדער נישט? איך נעהם אַ בעזעם. מיין מאַן איז זי מיר געקומען פערמיאוס'ען! פון וואַנען זאָל איך נעהמען אַ בעסערען? וואַרט, וואַרט! וועסט נאָר אַביסעל עלטער ווערען, וועסט דו שוין וויסען, וואָס ס'טייטש קריגען אַ מאַן.

פראַנציִשקאַ. און איך וועל גאָר אין גאַנצען ניִשט חתונה האָבען! איך וועל וואַרטען, ביז אַ עלעגאַנטער יונגערמאַן וועט קומען — זומער — פון די קור־געסט, — צום בעסטען: אַ רוסישער, און זאָל ער מיך אַוועקפיהרען ערגעץ אין דער וועלט אַריין. נאָר וויַיט, וויַיט! איך וויל זעהן אַ וועלט, קיין פּאַריז וויל איך פאָהרען. פון דאָרטען וועל איך אייך שרייבען אַ בריוועל, פריי הענשעל.

האַננאַ. מיר דוכט זיך אויך אַזוי: דו וועסט ניִשט איינזיצען דאָ.

פראַנציִשקאַ. איהר קאָנט שווערען דערויף. זיבענהאַר, ווייסט איהר, איז אויך געוועזען אין פּאַריז. אוי פערצעהלט ער שענע מעשיות פון דער רעוואָלוציע דאָרט! ער אַליין איז אויך מיטגעוועזען...

ווערמעלסקירך'ס שטימע. פראַנציִשקאַ! פראַנציִשקאַ! וואו ביזטו ערגעץ?

פראַנציִשקאַ. פּסט, רופט אייך ניִשט אָן.

ווערמעל. שטימע. פראַנציִשקאַ! פראַנציִשקאַ!

פראַנציִשקאַ. שאַ! שטיל! איך דאַרף שוין ווידער געהן בעדיענען. מיך עקעלט דערפון, איך וויל ניִשט.

ווערמעל. שטימע. פראַנציִשקאַ!

פראַנציִשקאַ. דאָס קאָן דער טאַטע טהון, אָדער די מאַמע; אָדער זיי זאָלען זיך נעהמען אַ קעלנער, איך וויל ניִשט, מען זאָל פון מיר מאַכען אַ קעלנערקע.

האַננאַ. פאַרהאַן נאָך עפּיס ערגערעס ווי אַ קעלנערקע זיין.

פראַנציִשקאַ. וואָלטען דאָס האָטש געוועזען פיינע הערען, איז עפּיס אַנדערש. ווער קומט דען אַריין? וואַסער־טרעגער, פוהרמאַנ'ס, בערג־אַרבייטער, אַ שענעם דאַנק אייך! עס שטעהט מיר נאָך ניִשט אָן זיי צו בעדיענען.

האַננאַ. איך אויף דיין אָרט, וואָלט מיך אַנדערש אויפגעפיהרט. איך וואָלט בעקומען גאַנץ שען טרינק־געלד, געלעגט אַ גראָשען צו אַ גראָשען, קאָן מען אָבשפּאָרען שענע עטליכע טאַלער.

פראַנציִשקאַ. זעקסערלעך און צעהנערלעך נעהם איך ניִשט, אַ חוץ אַז דער הער זיבענהאַר, אָדער דער בוי־מייסטער, אָדער דאָקטאָר וואַלענטינער גיט מיר אַמאָל עפּיס, פערנאַש איך עס אויף באַלד.

האַננאַ. אָט דאָס מיינט מען טאַקי. דאָס עפּעלע פאַלט

ניִשט ווײַט פון בוים. טאַטע־מאַמע זענען אויך ניִשט בעסער. מען היט ניִשט אָב די שענק. אַז זיי וואָלטען געוואוסט, ווי צו פיהרען אַ געשעפט, וואָלטען זיי שוין היינט געהאַט געלד אויף פראָצענט.

פראַנציִשקאַ. מיר זענען טאַקי ניִשט אַזוינע סקנערעס ווי איהר.

האַננאַ. איך בין גאָר ניִשט קיין סקנערע, איך וואַרף נאָר ניִשט אַרויס ס'געלד.

פראַנציִשקאַ. לויט זאָגען, אַז איהר זענט קאַרג.

האַננאַ. איך האָב אַ זאָרג מיט זיי אַלע און מיט דיר צוזאַמען! אַרויס פון האַנגען! איך האָב שוין גענוג דײַן מיִטלען! און מעהר זאָלסטו מיר ניִשט אַהער קומען. ס'האָט קיינער ניִשט געבענקט נאָך דיר. צום בעסטען: אַז מען זעהט אײַך ניִשט און מען הערט אײַך ניִשט, די גאַנצע קאָמאַנדע דאָרט!

פראַנציִשקאַ. (שוין בײַ דער טהיר, קעהרט זיך אום, בייז) ווייסט איהר נאָך, וואָס מען זאָגט אויף אײַך?

האַננאַ. איך וויל ניִשט וויסען, אַרויס, זאָג איך דיר. איך וועל דיר באַלד דערצעהלען, וואָס מען זאָגט: וואָס צווישען דיר און זיבענהאַר... איהר ביידע ווייסט שוין — איך ווייס אויך. בײַ אַזאַ ווירטשאַפט וואָלט ער אײַך שוין צוואַנציג מאָל אַרויסגעוואָרפען פון דאַנען, ווען ניִשט דיר צוליעב. איך קען גאַנץ גוט זיבענהאַר'ן.

פראַנציִשקאַ. טפוי, טפוי און טפוי! (אָב)

האַננאַ. שלעפערקע דו!

(די מיטעלע טהיר איז געבליבען אָפען. זיבענהאַר און דער קעלנער געאָרג טרעפען זיך, דער ערשטער אַראָבגעהענדיג, דער אַנדערער געהענדיג דורכ'ן קאָרידאָר. זייער געשפרעך קומט פאָר אין קאָרידאָר, און מען זעהט זיי דורך דער טהיר. געאָרג איז געקליידעט עלעגאַנט, ווינעריש, אַ קאַפּעלוש, אַ לאַנגער פּאַלטאָ, אַ שטאָק אין האַנד, אַ קאָליערטען קראַוואַט.)

זיבענהאַר. וואָס טהוט איהר דאָ?

געאָרג. ענטשולדיגט. איך האָב געדאַרפט אַרײַנצוגעהן צו הענשעל פוהרמאַן.

זיבענהאַר. הענשעל פוהרמאַן איז ניִשטאָ אין דער היים.

דריי מאָל האָב איך אייך שוין געזאָגט: דאָ אין מיין הויז איז נישט קיין אָרט פאַר אייך. איך וועל אייך בעטען, איהר זאָלט אייך דאָס נעהמען אין קאָפּ אַריין, אַ נישט וועל איך אייך מוזען דערמאָהנען דורכ'ן זשאַנדאַרם. פערשטעהט איהר מיך?

געאָרג. גנעדיגער העררר, זיבענהאַר, ביטע אום ענטשולדיגונג. איך בין צו אייך נישט געקומען. בלויז וואָס זיי וואוינען דאָ אין אייער הויז. — איהר האָט מיר גאָר נישט פאָרצוּוואַרפען, אַז איך האָב געזאָלט טהון עפּיס אַזוינס...

זיבענהאַר. און אויב איך וועל דיך דאָ נאָך איין מאָל טרעפען, וועל איך דיך הייסען אַרויספיהרען מיט'ן סטרוזש. איהר וועט אַזוי גוט זיין זיך דאָס נעהמען אין זין אַריין. (אָב)

געאָרג. (געהט אַריין אין צימער, שילט) זאָל ער נאָר פּרובען. איך וואָלט געוואָלט זעהן.

האַננאַ. (פערהאַקט די טהיר מיט כעס. קוים וואָס זי בע־וועלטיגט איהר צאָרן אויף זיבענהאַר'ן) עפּיס וועגען דאָך מיר אויך דאָ. זאָל ער נאָר פּרובען! דאָ איז אונזער שטוב, נישט זיינע, און ווער ס'קומט צו אונז, קומט צו אונז. דאָ האָט ער זיך נישט צו מישען.

געאָרג. זאָל ער נאָר אַביסעל צוואַרטען, זאָג איך. עס קאָן איהם אַמאָל צו טהייער קאָסטען. איך וועל איהם שוין אָנלערנען אין סוד. שטראַף וועט ער בעצאָהלען. ער איז שוין איינמאָל מיאוס אַריינגעפאַלען מיט דעם בערנאַרד, וואָס האָט דאָ געדיענט פאַר צוויי יאָהר. מיט מיר וועט ער נאָך ערגער אָבשניידען. דרייסיג טאָלער נעהם איך נישט!

האַננאַ. ער האָט דאָס נישט אין זיין גאַנץ פערמעגען, דער שנאָרער דער! אַרום און אַרום אין גאַנצען געגענד איז ער פערשולדיגט. וואו מען געהט און וואו מען שטעהט איז ער שולדיג. ווי לאַנג נאָך וועט געדויערן, ווערט ער פאַרטיג. מען וועט איהם אַרויסוואַרפען, איידער ער וועט אַנדערע וואַרפען.

געאָרג. (האָט אויסגעטהון דעם פּאַלטאָ, אויפגעהאָנגען דעם קאַפּעלוש און ווישט אָב פעדערלעך פון אַנצוג) וואָס דען? ס'איז שוין מעהר קיין סוד נישט. ווער ווייס דאָס שוין נישט? ס'זאָל דאָס איינער מיט איהם האָבען מיטלייד! יעדער ווינשט איהם אַ בייזען סוף. מיין איצטיגער פּרינציפּאַל קאָן זיין נאָמען נישט הערען; מען זאָל איהם נאָר דערמאָנען דאָס וואָרט זיבענהאַר, ווערט ער בייז ווי אַ

שלאַנג. (נעהמט אַרויס אַ טאַשען־שפּיגעלע און אַ קעמעל און שפּיגעלט זיך) זיבענהאַר — זאָגט ער — אַ שענער נאָמען זיבענהאַר, איך האָב שוין מעהר ווי זיבען האָר געפונען אין איהם.

האַננאַ. אַודאי איז ער גערעכט.

געאָרג. נו, זאָג נאַר, האַננעלע, האָסט אַ גלעזיל וואַרימס?

האַננאַ. פאַר וואָס ביזט דו נעכטען נישט געקומען?

געאָרג. דו מיינסט, איך קאָן יעדען טאָג קומען? קוים וואָס איך האָב מיך היינט געקאָנט אַרויסרייסען מיט גרויס מאַטערניש. נעכטען האָט מען דאָרט געהוליעט ביז דריי ביינאַכט.

האַננאַ. וואָס איז דאָס געווען דאָרט פאַר אַ יום־טוב?

געאָרג. די פייער־לעשער האָבען געהאַט אַ זיצונג. זיי האָבען געקויפט אַ נייע שיקאַווקע. און עטליכע טעג וועט מען פייערען איהר יום־טוב מיט'ן קנאַק. נעכטען איז ערשט געווען די ערשטע זיצונג.

האַננאַ. נאָר זיי זוכען אַנ'אויסריד צו זויפען. דערווייל בין איך געזעסען איינע אַליין און געוואַרט ביז שפּעט אין דער נאַכט. איינמאָל — איך ווייס נישט, וואָס דאָס האָט געזאָלט זיין — אַ פייגעלע האָט אַודאי געקלאַפּט אין פענסטער — האָב איך געמיינט, דו ביזט עס. בין איך אויפגעשטאַנען און האָב געעפענט דאָס פענסטער, — בין איך דערנאָך בייז געווען, אַ האַלבע נאַכט האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפען! (גיט אַ שוואַכען קלאַפּ מיט דער פויסט אויפ'ן טיש) איך ווייס נישט פאַר וואָס: נאָך איצט בין איך בייז, אַז איך האָלט צעריסען אַליץ!

געאָרג. געננוג, וואָס טויג דיר דאָס־דאָ? (ער נעהמט זי אַרום) עס מאַכט נישט אויס, ס'וועט גוט זיין.

האַננאַ. (מאַכט זיך פריי פון איהם) ניין, ס'איז נישט וואָהר. איך ווייס נישט: אַליץ מוז מיר געהן קאַפּויר! אַ גאַנצע וואָך זיצט הענשעל אין דער היים, נישט פּטור צו ווערען פון איהם, און אַז ער פאָהרט שוין יאָ איינמאָל אַוועק, געהט די צייט אַדורך מיט גאָר־נישט און גאָר־נישט.

געאָרג. נו, וואָס רעדסטו? מיר האָבען נאָך היינט געננוג צייט. ער קומט דאָך הוכט זיך, ערשט מאָנטאָג צוריק.

האַננאַ. ווער ווייס, צי דאָס איז וואָהר?

געאָרג. פאַר וואָס עפּיס?

האַננאַ. נאָר וואָס ער זיצט אין דער היים! פריהער איז גאָר

ניט אַזוי שלעכט געווען. ער פלעגט וואַכען=לאַנג זיין אין וועג. איצט טאָמיר דאַרף ער א׳ין נאַכט ניט צו שלאָפען אין דער היים, קרומט ער זיך באַלד. און אַז ער זאָגט, איך פאָהר אַוועק אויף דריי טאָג, קאָן איך שוין זיין זיכער, אַז אויפ׳ן צווייטען טאָג וועל איך איהם צוריק האָבען. — האָרך! וואָס זאָגסטו צו דעם?! מיר דוכט זיך, דאָס וועגען זיי! הערסט ניט, עס רודערט זיך עפּיס אויפ׳ן הויף? ווער זאָל דאָס זיין אַזוי שפּעט, אויב ניט זיי?

געאָרג. (האָרכט אויף, מיט אַ געדעמפּפטער שטימע.) אַז דער טייוועל זאָל איהם נעהמען! און אַלץ די לייזיגע מיילער! קוים זיך אַביסעל דערוואַרעמט דאָ, — איך מיין אַפּנים, עס איז אַ יושר זיך אָבצוטראָגען. וואָס דער וואָהרהייט: איך האָב מיר דאָס אַביסעל אַנדערש פאָרגעשטעלט. (טהוט אָן דעם פּאַלטאָ און נעהמט דעם קאַפּעלוש אין דער האַנד.)

האַננאַ. (רייסט איהם אַרוים דעם קאַפּעלוש פון דער האַנד) דאָ זאָלסטו בלייבען, וואָס האָסטו צו לויפען? וואָס זאָל איך גאָר מורא האָבען פאַר איהם? פאַר הענשעל׳ען מורא האָבען? „סלוזשען׳ ווי אַ הונד זאָל ער פאַר מיר! נאַ=דיר גאָר — מורא האָבען! וואָלסטו נעכטען געקומען, אַזוי ווי מיר האָבען גערעדט, וואָלטען מיר פון קיינעם ניט געוואוסט: ניט זיבענהאַר, ניט הענשעל. היינט האָבען זיך אַלע טייוולאָנים אָנגעריסען אויף אונז.

(וואַלטר, אַ פערד=הענדלער קומט אַריין. אַ געזונדטער, שענער יונג פון אַ יאָהר 40. אויפ׳ן קאָפּ אַ באַשליק, אַ קורץ פּעלצעל. יעגער=זאָקען, הויכע שטיוועל. וואָלענע הענדשקעס, אָהן פינגער, אויף אַ שנירעל.)

וואַלטער. פרוי הענשעל, דיין מאַן איז אין דרויסען אויפ׳ן הויף. גוטען אָבענד! איך בין נאָר אַריינגעקומען אויף אַ מינוט, אַ גוטען אָבענד דיר ביטען, און מוז באַלד ווידער אַרויף אויפ׳ן פערד. מיר האָבען אייגעקויפט שענע „באַרבאַנטען”. ער האָט דיר אויך עפּיס מיטגעבראַכט אַ מתנה.

האַננאַ. איך האָב געמיינט, איהר וועט ערשט מאָנטאָג קומען.

וואַלטער. יאָ, מיר האָבען אַזוי גערעכענט, מיר זענען אָבער

גערִיטען נאָר בִּיז קאַנט, און דאָרט האָבּען מִיר דִי פֿערד געמוּזט אויסלאַדעװען אויף דער בּאַהן, דִי פֿערד װאָלטען האַלז און נאַקען געבּראָכען; עס אִיז גלִיטשִיג — אַ שרעק.

געאָרג. אַפּנים מִיט דער בּאַהן קוּמט מען שנעלער.

װאַלטער. װאָס אִיז דאָס פֿאַר אַ קאַװאַלער דער? מען זעהט אִיהם אִין דִי אויגען נִישט אָן. דװאָרוש, דוּכט זִיך? שטענדִיג פֿערגעס אִיך. װִי אַ בּאַראָן גאָר זעהט ער אויס!

געאָרג. דאָרט, אויף דער נײַער שטעלע, פֿערדִינט זִיך בּעסער. מען פֿערדִינט טאַקי אַ גראָשען. דאָ האָבּ אִיך נאָר אַלע אַנצִיגען צערִיסען, און בִּין געבּלִיבּען בּײַ גאָר־נִישט. אִיצט נײַט מען זִיך װִידער עפּיס אויף.

װאַלטער. נוּ טרעף, האַננאַ, װאָס העגשעל האָט דִיר געבּרענגט.

האַננאַ. װאָס האָט ער געבּרענגט? װאָס אַזוינס?

װאַלטער. אִיך װאָלט אַ בּעלן געװען װִיסען, צִי דוּ װעסט זִיך דערפֿרײַען?!

האַננאַ. דאָס װעט מען ערשט זעהן: װאָס אַזוינס ער האָט געבּרענגט.

װאַלטער. נוּ בּלײַבּ מִיר געזוּנד, אִיך קאָן נאָך קרִיגען אַ פּאָרציע פֿוּן מײַן װײַבּ.

האַננאַ. בּלײַבּ געזוּנד.

געאָרג. װאַרט, אִיך געה אויך. אַ גוּטע נאַכט, פֿרוי העגשעל.

האַננאַ. אִיהר האָט דאָך געדאַרפֿט עפּיס רעדען מִיט מײַן מאַן?

געאָרג. אַנ׳אַנדערט מאָל שוין. ס׳אַנטלויפֿט נִישט.

װאַלטער. אַז דוּ האָסט מִיט אִיהם עפּיס צוּ רעדען, לעג עס לִיעבּער אָבּ אויף מאָרגען, דװאָרדוּשִ׳ל. ער האָט הײַנט אַנדערע זאַכען אויפ׳ן קאָפּ. װײַסט, האַננאַ, װעמען ער האָט מִיטגעבּרענגט?

האַננאַ. װעמען האָט ער געזאָלט מִיטבּרענגען? װאָס פּלאַפּלעסט דוּ הײַנט?

װאַלטער. ער האָט דאָך דִיר געבּרענגט... דײַן טאָכטער האָט ער געבּרענגט.

האַננאַ. װאָס האָט ער מִיר געבּרענגט? אִיך האָבּ נִישט געהערט.

וואַלטער. אין קוילסדאָרף זענען מיר געווען, האָט ער זי מיטגענומען אהער.

האַננאַ. איהר האָט אייך אָנגעשכור׳ט, ביידע צוזאַמען, צו וואָס?

וואַלטער. נישט שכור. אָהן שפּאַס.

האַננאַ. וועמען האָט ער מיטגענומען?

וואַלטער. מיר האָט ער דערפון פריהער קיין וואָרט נישט געזאָגט. מיר זענען אַריבערגעריטען קיין קוילסדאָרף און געזעסען אין קרעטשמע...

האַננאַ. און ווייטער וואָס?

וואַלטער. זענען מיר געזעסען, הייסט עס, אין קרעטשמע, אין מיטען דערינגען קומט אַריין דיין טאַטע מיט׳ן מיידעל...

האַננאַ. ס׳איז נישט מיין מיידעל.

וואַלטער. דאָס, זעהסטו, ווייס איך שוין נישט. איך קאָן דיר נאָר זאָגען: ער האָט זי מיטגענומען און האָט זי אין דרויסען. ער איז צוגעגאַנגען צו דיין טאַטען און זאָגט איהם: אַ שען מיידעלע. דערנאָך האָט ער עס גענומען אויפ׳ן שויס און שפּיעלט זיך דערמיט און פרעגט עס: „זאָל איך דיך מיטנעהמען?“ און דאָס קינד איז באַלד צוגעפאַלען צו איהם.

האַננאַ. נו, און מיין פאָטער וואָס האָט געזאָגט?

וואַלטער. דיין טאַטע קאָן גאָר הענשל׳ען נישט.

האַננאַ. דאָס איז נאָך בעסער. ווייטער גאָר־נישט?

וואַלטער. (ווענדעט זיך מעהר צו געאָרג׳ן). ווייטער איז נישטאָ וואָס צו דערצעהלען. ער נעהמט עס אַרויס אין דרויסען און זאָגט צו׳ם פאָטער, איך וויל דאָס קינד זעצען רייטען אויפ׳ן פערד. און דאָס קליינע שרייט: רייטען, רייטען! ער איז אַרויף אויפ׳ן גרויסען בראַבאַנטער, און איך האָב געמוזט דערלאַנגען דאָס מיידעל אויפ׳ן פערד. אַדיע, זאָגט ער, און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

האַננאַ. און דער טאַטע האָט צוגעקוקט און גאָר נישט געזאָגט?

וואַלטער. וואָס האָט ער געזאָלט טהון? און גאַנץ קוילסדאָרף צוזאַמען וואָלט איהם יאָ עפּיס געטהון? וואָס הענשעל האַלט אין האַנד... וואָלט איך קיין מענש אויף דער וועלט נישט האַטהען האָבען מיט איהם צו טהון. אין גאַנצען געגענד אַרום וועט קיינער

נישט וועלען אנהויבען מיט הענשעל'ען אין בייזען. דיין טאטע האט נישט געוואוסט, וואס דאס זאל בעדייטען. פלוצלונג, אז ער הייבט אן צו שרייען און צו שילטען און צו פלוכען, וויפיעל עס איז אריין. ארום שטעהען מענשען און לאכען. ווער קען נישט הענשעל'ען? און ער, ווי קיינמאל גאר נישט, זאגט זיך גאנץ רוהיג: בלייב געזונד, שעהל, איך נעהם זי מיט. די מאמע אין דער היים ווארט אויף איהר. הער אויף צו וויפען, זאגט ער איהם נאך, וועט זיך פאר דיר אויך געפינען א שטיקעל ארט ביי מיר.

ג ע א ר ג. אדיע! איך וועל ליעבער מארגען אריינקומען דורכרעדען. (אב)

ה א נ נ א. און ער מיינט, אז איך וועל זי דא האלטען אין שטוב? דאס וועל איך נישט צולאזען, בשום אופן נישט. נישט מיין קינד איז עס. ווי וועל איך אויסזעהן פאר לייט אין די אויגען? פריהער אין קוילסדארף, און איצט דא! איך בין שוין גענוג אויסגעשטאנען. טאג און נאכט האב איך מיך געהאט צו מארדעווען מיט גוטשען. און איצט נא דיר אויף דאס-ניי! וואס שאדט דאס איהם? איך האב שוין נישט מעהר וואס צו טהון. ער וועט נאך מיך האבען צו געדענקען!

(הענשעל קומט אריין, אויך אין א קורץ פעלצעל, הויכע שטיוועל, יעגער-זאקען און לעדערנע הויזען, אזוי ווי ער איז אראב פון פערד. ערשיינט אין דער מיטעלער טהיר. ער פיהרט מיט א זעקס יעהריג מיידעלע, וואס איז אנגעטהון זעהר שמוציג און אבגעריסען.)

ה ע נ ש ע ל. (לוסטיג; ער האט דערהערט האננא'ס לעצטע ווערטער) ווער וועט דאס דיך האבען צו געדענקען?

ה א נ נ א. — וויים איך ווער...

ה ע נ ש ע ל. גיב נאר א קוק, האננא, ווער דא איז. (צו'ם קינד) געה צו, בערטשע, און זאג: גוטען אבענד. נו, געה, געה צו, זאג: גוטען אבענד, מאמע!

ב ע ר ט א. (פערלאזט הענשעל'ען נישט גערן, הענשעל שטופט זי עטליכע מאל צו גוטמוטיג צו האננא'ן. געהט דורך קווער דאס צימער צו האננא'ן, וואס זיצט פערבאסט נעבען אויווען, אויף דער באנק.)

האַננאַ. (ווען דאָס קינד שטעהט מוטלאָז פאַר איהר) וואָס ווילסטו?

בערטאַ. איך בין געריטען אויף אַ שען פערד.

(הענשעל און וואַלטער לאַכען האַרציג.)

הענשעל. נו, מיר וועלען זי האַלטען דאָ ביי זיך. וואָס מאַכסטו, האַננאַ'לע? — וואָס איז דיר? ביזט גאָר ביז?

האַננאַ. האָסט דאָך געזאָגט, אַז מאָנטאָג קומסטו אַהיים. איך האָב נישט אָנגעהויבען אָנצוגרייטען אויף נאַכט־עסען.

הענשעל. אַ שטיקעל ברויט מיט וואורשט וועט זיך שוין געפינען אין שטוב. (הענגט אויף די מיץ)

האַננאַ. (רייסט בערטאַ'ן מיט צאָרן) ווי דאָס זעהט אויס?

הענשעל. וועסט איהר מוזען באַלד קויפען עפּיס אָנצוטהון. דאָס האָט שוין נעבאַך גאָר נישט אויפ'ן לייביל. גוט נאָך, וואָס איך האָב מיטגענומען אַ דיקע פאַטשיילע, זי וואָלט מיר געפראָרען געוואָרען אויפ'ן וועג. (הענגט אויף דאָס פעלציל, וואַרימט זיך די הענד.) אַם בעסטען, מיין איך, גלייך אין דער באַליע אַריין מיט איהר.

האַננאַ. (די ווערטער האַפּען זיך ווי אַליין אַרויס איהר פון מויל) אַם בעסטען וואָלט געווען, זי וואָלט געבליבען דאָרטען, וואו זי איז געווען.

הענשעל. וואָס זאָגסטו?

האַננאַ. גאָר נישט.

הענשעל. איך האָב געמיינט, דו האָסט עפּיס געזאָגט, — אַריין אין דער באַליע, גוט אַרומוואַשען, און דערנאָך אין בעט אַריין. מען וואָלט איהר געמעגט אויך אַביסעל דעם קאָפּ אויסקעמען. איך מיין, אַז לאָקאַטאָרען פעהלען דאָרטען נישט. (בערטאַ וויינט.) וואָס איז? רייס נישט פון איהר קיין שטיקער!

האַננאַ. בעטשע נישט, מיידעל, דאָס פעהלט נאָך.

הענשעל. זיי צו איהר אַביסעל מעהר פריינדליך, דאָס מיידעלע איז דאַנקבאַר פאַר יעדען גוטען וואָרט. זיי שטיל, בערטשאַ, וויין נישט, שטיל!

בערטאַ. צום טאַטען וויל איך.

הענשעל. דו ביזט דאָך ביי דער מאַמען. די מאַמע איז

אַ גוטע. — איך בין זעהר צופֿריעדען, וואָס מיר האָבען זי דאָ: שוין לאַנג צייט! אַביסעל שפּעטער וואָלט מען זי שוין געמעגט געהן זוכען אויפ'ן בית־עלמין.

האַננאַ. ס'איז גאָר־נישט אַזוי געפֿעהרליך, ווי דו זאָגסט.

הענשעל. (פֿערוואונדערט, דאָך גוטמוטיג) וואָס הייסט? — (פֿויזע)

וואַלטער. און איצט בלייבט מיר געזונד, איך מוז מיך אָבטראָגען.

הענשעל. וואַרט, מיר וועלען טרינקען אַ גלעזעל גראָג.

האַננאַ. פֿון וואַנען זאָל איך דיר נעהמען אַראַק?

הענשעל. געהט מען און מען נעהמט ביי ווערמעלסקירכ'ן.

האַננאַ. מיט די לייט וויל איך נישט האָבען צו טהון.

וואַלטער. ניין ניין, מען דאַרף נישט. איך מוז אַהיים. איך האָב קיין צייט נישט, איך האָב נאָך אַ האַלבע שעה וועג. (צו האַננאַ'ן) האָסט נישט וואָס מורא צו האָבען פֿאַר מיר, איך וועל דיר נישט לאַנג ליעגען אויפ'ן קאַרק.

האַננאַ. צי איך האָב דען וואָס געזאָגט?

וואַלטער. (אונגעשטימט) גאָר נישט. איך האָב אויך גאָר נישט געמיינט. זאָל גאָט בעהיטען! מיט דיר זיך קריגען וואָלט איך נישט געוואָלט, אַ צו האַרטער ביין פֿאַר מיינעטסוועגען. אַדיע! בלייבט געזונד!

הענשעל. פֿאָהר געזונד! אַ גרוס דיין ווייב, פֿערגעס נישט.

וואַלטער. (פֿון דרויסען) גוט, — אַ גוטע נאַכט! איך וועל נישט פֿערגעסען. (אָב)

הענשעל. נו? האָב איך נישט גוט געטהון?

האַננאַ. וואָס וועל איך פֿאַר לייטען זאָגען?

הענשעל. — — — דו וועסט דאָך דיך נישט שעמען מיט דיין לייבליכער טאָכטער.

האַננאַ. שעמען? ווער האָט דען דאָס געזאָגט? מיר איז אַלץ ענגאַל. — דו ווילסט דאָך נישט אַנדערש, נאָר איך זאָל זיין ביי יעדען אויף דער צונג. אין דעם איז עס דאָך דיר נאָר געגאַנגען. (פֿערביסען צו בערטאַ'ן) נאַ, טרינק מילך, טרינק שוין אויס, און געה שלאָפֿען. (בערטאַ טרינקט.)

הענשעל. און אויף ווייטער אויך אַזוי? בלייבט עס דערביי, הייסט עס?

האַננאַ. וואָס טהוּ איך דען פאַר אַ שלעכטס?

הענשעל. אַנטקעגען דעם מיידעל רעד איך.

האַננאַ. איך וועל זי נישט אויפעסען לעבעדיגערהייד, האָב נישט קיין מורא. (פיהרט שלאָפען דאָס קינד, וואָס וויינט שטיל, אין דער קאַמער.)

הענשעל. (רעדט איהר נאָך, ווען זי איז שוין אין קאַמער). זי איז נישט אַהער געקומען דערויף, דו זאָלסט זי אויפעסען. צוליעב דעם וואָלט איך זי נישט געדאַרפט אַהער ברענגען. (אַ קורצע פּויזע. האַננאַ קומט אַליין צוריק.)

הענשעל. מען זאָל דאָס אַמאָל דאָטש וויסען, וואָס אַייך געפעלט. מיט אַייך, ווייבער, איז גאָר נישט מעגליך אויסצוקומען. דו האָסט שטענדיג געהאַט אַ מינע, אַ שטייגער ווי...

האַננאַ. (פערבאָסט, פערוויינט) דאָס איז ליגענד!

הענשעל. וואָס ליגענד?

האַננאַ. (ווי פריהער) איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט פון איהר. איינמאָל אין גאַנצען האָב איך געלאָזט פאַלען אַ וואָרט וועגען קינד.

הענשעל. איך זאָג נישט, אַז דו האָסט געזאָגט. וואָס ווינסט דו מיר? — טאַקע דעריבער ווייל דו האָסט נישט געזאָגט, האָב איך געוואָלט דיר פערשפּאָרען צו רעדען, און האָב זי אַליין געברענגט.

האַננאַ. האָסט נישט געקאָנט פרעגען? אַזאַ זאַך איידער מען טהוט, דאַרף מען פריהער דורכרעדען.

הענשעל. גענוג! הער מיך אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגען. היינט איז שבת. איך האָב מיך געאַיילט מיט אַלע כוחות, אַבי צו זיין אין דער היים. איך האָב געמיינט, דו וועסט מיך אַנדערש אויפנעהמען. נו, אויב אַזוי, אַנדערש מאַכען קאָן איך נישט. האָב איך נאָר איין בקשה צו דיר: לאָז מיך צו רוה. האָסט געהערט?

האַננאַ. קיינער שטערט דיר דיין רוה נישט.

הענשעל. האָסט געהערט, צי ניין? איך וויל מיין רוה האָבען און ווייטער גאָר־נישט, אַז ס'דאַלט שוין יאָ אַזוי ווייט. איך האָב געמיינט צו'ם גוטען. גוטשע איז געשטאָרבען, וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען; די מאַמע איהרע האָט זי גענומען צו זיך: ס'בעטיל שטעהט ליידיג; מיר זענען אַליין. פאַר וואָס זאָלען מיר דאָס מיידעלע נישט נעהמען צו זיך? אַזוי האָב איך געטראַכט,

איך, וואס געהער דעם קינד קיין טאטע נישט אָן, היינט ווי האסט דו געדארפט טראכטען? בייזט דאך איהר מאמע.

האננא. אָט איז ער אהיים, הטאים מיר פארוואַרפען!

הענשעל. אויב דו הערסט נישט אויף, געה איך די מינוט ארויף צו ווערמעלסקירכ'ן און קום אגאנצע נאכט נישט צוריק. ווילסט מיך גאר אפנים פון מיין שטוב פערטראגען? איך מיין אלץ, ע ס'וועט נאך בעסער ווערען, דערווייל ווערט אלץ ערגער און ערגער. איך האב געטראכט: דו וועסט האבען דאס קינד, וועסטו קלוגער ווערען, אויב עס וועט נישט נעהמען גיך קיין סוף...

האננא. איינס זאג איך דיר נאר: אויב זי בלייבט ביי אונז, און דו וועסט דערצעהלען מעשיות, אז דאס איז מיין קינד...

הענשעל. אלע ווייסען דאס שוין אזוי אויך. וועמען זאל איך דערצעהלען?

האננא. קאנסטו זיכער זיין: איך אנטלויף פון דאנען.

הענשעל. לויף, לויף! ווי פיעל דו קאנסט, וויפיעל דו ווילסט — לויף. — דו זאלסט דיך שעמען אין דיין ווייטען האלז אריין.

פיערטער אקט:

ביי ווערמעלסקירך'ען אין דער שענק. א נידריג צימער, וויס־געמאָהלטע ווענד. לינקס א טהיר, וואס פיהרט אין הויז אריין. די הינטערשטע וואנד, פון לינקס צו רעכטס, ווערט אין מיטען אָבגעהאקט, לויפט אראב אונטער א גלייכען ווינקעל און פיהרט צו צו דער צווייטער הינטער־וואַנד. אזוי־אַרום בילדעט זיך אַ צווייטער רוים, טיעפער ווי דער ערשטער; די הינטערשטע וואנד איז דאָ זויים אבגערוקט. אין דער רעכטער זייטען־וואַנד פון דעם רוים, וואס איז צוגלייך אַנ'אַרט פאָדער־צימער. — אַ שויבען־טהיר, וואס פיהרט אַרוים אויפ'ן הויף; פאָרענט, אין דער זעלבער וואנד, א פענסטער. ביי דער הינטערשטער וואנד, לינקס, — דער בופעט מיט פיער־קאַנטיגע פלעשער בראָנפען, די מאשין צו צאַפּען ביער, א. ז. וו. הילצערן מעבעל, העל פאָליערט: טישען און בענקלעך, אַ רויטער פאָרהאַנג טיילט אָב דאָס צימער פון דעם לענגליכען פאָדער־צימער. אין דעם לעצטען — אויך טישען און בענקלעך, און גאר הינטען — א ביליאַרד. — געדרוקטע אייל־בילדער, וואס שטעלען פאָר, אַם מייסטענטייל, יעגער־סצענעס. ווערמעלסקירך, אין שלאָפראָק, א לאנגע לילקע אין מויל, זיצט און שפיעלט אויף דער פיאַנינא, וואס שטעהט ביי דער לינקער וואנד. — דריי פייער־לעשער שפיעלען ביליארד. — פארענט, רעכטס, זיצט איבער א גלאז בראָנפען הויפּע; ער איז זעהר אָבגעקומען. — פרוי ווערמעלסקירך, אַנ'עלטערע פרוי, מיט אַ פנים פון א ציגאַנקע, וואַשט גלעזער הינטער דעם בופעט. פראַנצישקא זיצט אויפ'ן פענסטער רעכטס און שפיעלט זיך מיט א קעציל. — דער קעלנער גאָרג שטעהט פאַר'ן בופעט ביי זיין גלאָז ביער; ער טראָגט אַנ'עלעגאַנטען פריהלינגס־קאָסטיום, לאַקירטע שיך, גלאנסירטע הענדשקעס, א צילינדער אויפ'ן קאפ.

ווערמעלסקירך. (זינגט און שפּיעלט צו):
ווען כ'האָב געקעניגט אין אַרקאַדיען,
געווען אַ פּרינץ, זעהר רייך און גליקליך...

געאָרג. (מאַכט טאַנץ בעװעגונגען צו׳ם טאַקט) נו, װײַטער געפּאָהרען!

װערמעלסקירך. (מאַכט זיך הוסטען) ס׳געהט ניִשט — הײַזעריג! װאָס מיר דאָרט! נאָך אַמאָל פון אָנהױב:

װען כ׳האָב געקעניגט (הוסט)
װען כ׳האָב געקעניגט אין אַרקאַדיען,

געװען אַפּריִנץ... געװען אַפּריִנץ... ע! האָפּט עס דער טײַװעל!

געאָרג. נאָר װײַטער געפּאָהרען! גאַנץ גוט געװען, גראָס־אַרטיג שען.

װערמעלסקירך. אױסהוסטען, אַז איהר װילט, קאָן איך די מעלאָדיע װײַטער. ס׳געהט ניִשט.

געאָרג. איך פערשטעה ניִשט, כ׳לעבען. איהר זינגט װי אױף אַקאָנצערט.

װערמעלסקירך. פון קעין אױף די דעכער.

געאָרג. װײס איך װאָס. — װאָס לאַכט איהר אַזױ, פרײַלײן פראַנציִשקאַ?

פראַנציִשקאַ. איך לאַך, װאָס איהר האָט אַזױנע שענע לאַקירקעס.

געאָרג. װאָס דען, מײנט איהר? איך װעל דאָך ניִשט געהן באָרװיס. ביטע, נאָך אַגלאָז ביער. װאָס װעט פרײַלײן פראַנציִשקאַ עפּיס זאָגען צו אַפלעשעלע דאַנציגער פּערפומען? — ניִשט װאָהר? — שענע לאַקירקעס. גוט בעצאָהלט פאַר זײ — פיער טאָלער, װי איהר זעהט מיך, „אונטערן שװערד“ פערדיענט זיך האָטש עפּיס. פער־שטעהט זיך, פריִהער, װען איך בין געװען אין „שטערן“, װאָלט איך מיר קײן לאַקירקעס ניִשט געקאָנט דערלױבען.

װערמעלסקירך. געפעלט אײַך איצט בעסער?

געאָרג. געװיס. װי דען? אַזאַ גוטען שעף, װי דער איצטיגער, האָב איך נאָך ניִשט געהאַט, זינט איך בין אין דער בראַנזשע. מיר זענען װי חברים, װי צװײ גוטע ברידער, קאָן מען זאָגען: דוצען װאָלט איך איהם געקאָנט.

װערמעלסקירך. װאָס דער װאַהרהײַט — מיט זיבענדאַר׳ן װאָלט איהר אַזױ גיך ניִשט געװאָרען חבר־לאַפּ. (פראַנציִשקאַ צע־לאַכט זיך הױך.)

ג עָ אָ ר ג. אָט דאָס זאָג איך: ווער האַלט זיך גרויס? — דער וואָס שטעהט פאַר אַ מפּלה. נאָך צוויי וואָכען, נאָך דריי וואָכען, איז די ליציטאַציע, קאָן איך מיר קויפען זיין גאָלדענעם זייגער, אויב איך וויל.

ו עָ ר מ עָ ל ס ק י ר ך. קויפט=זשע אָב דאָס גאַנצע הויז.

ג עָ אָ ר ג. אויף דערווייל — נאָך נישט, אַביסעל צו פריה, וואַרט אַקאָרשט. איבריגענס, איז דאָס הויז שוין פערקויפט. נו, פּראָזט, מיינע הערשאַפטען, אויף אייער געזונד, מיינע הערען! אַז מען טרינקט אויס,, קריגט מען ווידער איינגעגאָסען. ווי הייסט דער נייער בעל=הבית? עקסנער הייסט ער? איך האָב געהערט, אַז ער אַליין וועט נאָר ברונען=וואַסער אַרויסשיקען און ווייטער גאָר=נישט. די רעסטאָוראַציע וויל ער פערדינגען. איך וואָלט זי באַלד גענומען, ווען איך וואָלט געהאַט געלד.

ה ו י פּ פּ עָ. געהט צו העַנשעל'ען, ער קאָן עס אויך מאַכען.

ג עָ אָ ר ג. וואָס מיינט איהר? אַזוי קרום האָט איהר גראָד נישט געזאָגט.

ה ו י פּ פּ עָ. אַוודאַי, ווער ווייס דאָס נישט? איהר זענט דאָך עפּיס הבר מיט זיין ווייב. (פראַנציִשקאַ לאַכט)

ג עָ אָ ר ג. פאַר וואָס נישט? נישט קיין מיאוס ווייבעל, ווי איהר זעהט מיך לעבעדיג. איהר מעגט מיר גלויבען: אַז ווער עס פערשטעהט זיך נאָר אויף אַ זאַך, דער דאַרף נאָר די האַנד אויסצושטרעקען, אָט אַזוי, וועלען זיי שוין אַליין קומען, מיידלעך און ווייבלעך, עסען פון דער האַנד.

ה ו י פּ פּ עָ. אָ, איהר פערשטעהט אייך אויף אַ זאַך: אויב איהר האָט דאָס אַזוי קונציג געמאַכט, אַז די הענשעליכע עסט אייך פון האַנד.

(פאַביג קומט אַריין, אַ שטריק פון אַ וועגעלע אויף די פּלייצעס, זעצט זיך שטיל צו אַ טיש.)

ג עָ אָ ר ג. אָט דאָס זאָג איך: אַ מענש מוז טויגען. נישט אַזוי גיך וועט מיר דאָס אַנ'אַנדער נאָכמאַכען. הערט איהר? אַקוראַט מוז מען זיין, און וויסען ווי זיך אויפצופיהרען. אַ נישט, קאָן מען אַריינפאַלען, פערשטעהט איהר מיך....

ו עָ ר מ עָ ל ס ק י ר ך. וואַרט צו אַביסעל. איהר האָט נאָך נישט

געזאגט קיין „אמן" (זיבענהאר קומט אריין פון לינקס) אויף הענ־
שעלים הענד צו קומען מוז נישט זיין קיין גרוים פערגניגען. — אייער
ערגעבענער דיענער, הער זיבענהאר!

ז י ב ע נ ה א ר. (אביסעל בלאס) גוטען מארגען!

ג ע א ר ג. איך וועל געהן אביסעל צום בילליארד. (נעהמט
זיין גלאז ביער און פערשווינדט אין דעם צווייטען צימער).

ז י ב ע נ ה א ר. (זעצט זיך ביי א טיש נעבען דער פיאנינא.)
איהר האט דאך ערשט געזונגען, הער ווערמעלסקירך, לאזט אייך
נישט שטערען.

ו ע ר מ ע ל ס ק י ר ך. וואס? איך? געזונגען? ע! וואס איהר
רעדט! נישט מעגליך. נאר אז איהר זאגט, מוז עס מסתמא וואהר
זיין. איהר וועט ערלויבען צוזעצען זיך צו אייך? א גלאז גרעצער,
פראנציסקא!

ז י ב ע נ ה א ר. ווי לאנג? פאר דריי פיער יאהר, אויף וויפיעל
איך געדענק, זענט איהר געווען שטאק־הייזעריג; איהר האט אייך
פון דעסטוועגען כמעט ווי אינגאנצען אויסגעהיילט.

ו ע ר מ ע ל ס ק י ר ך. וואס קומט ארויס דערפון? איהר זענט
גערעכט. קוים זיך דא אביסעל אויף די פים געשטעלט, און איצט —
ווער ווייסט, וואס ווייטער וועט זיין?

פ ר א נ צ י ש ק א. (שטעלט א גלאז גרעצער פאר זיבענהאר'ן;
צום פאטער.) איך ברענג דיר אויך באלד.

ז י ב ע נ ה א ר. (האט געטרונקען.) וואס מיינט איהר דערמיט
צו זאגען? וואס זאל דען ווייטער זיין?

ו ע ר מ ע ל ס ק י ר ך. איך ווייס אליין גאר נישט אויף געוויס,
נאר פערשטעהט איהר מיך — עפים ברעכען מיר אלע ביינער.
איך מיין, מיר וועלען מארגען האבען א נאס וועטער. איך מיין נישט
קיין געלעכטער, איך דערשפיר באלד, אן'אלטע אקטיארישע גע־
וואהנהייט. דעמאלט, אז דאס היגע וואסער האט אויף מיר אזוי גוט
געווירקט, האב איך געמיינט, אז צעהן פערד וועלען מיך פון דאנען
נישט ארויסשלעפען. איצט וועל איך אוודאי ווידער מוזען שלעפען
די אלטע ביינער. ווער ווייס, וואו אהין?

ז י ב ע נ ה א ר. ווער ווייס, וואו אהין? אזוי פיהרט זיך אויף
דער וועלט. איך פון מיין זייט בין גאנץ צופריעדען דערמיט.

ו ע ר מ ע ל ס ק י ר ך. איהר — איהר זענט דאך אין די בעסטע

יאָהרען. אַזאַ מענש ווי איהר ווערט אין ערגעץ נישט פערפאַלען. אַזאַ אַלטער הונד ווי איך איז עפּיס אַנדערש. אַז איך זאָל דאָ פער־ליערען מיין שטיקעל ברויט, איך מיין, אַז מען זאָל מיר די שענק אויסדינגען, ביי וואָס וועל איך בלייבען, וויל איך וויסען? אפשר אַ קאַטאַרינקע קויפען, און פראַנציִשקאַ וועט אַרומגעהן זאַמלען.

פראַנציִשקאַ. איך וואָלט מיך גאָר נישט געשעמט.

ווערמעלסקירך. יאָ, טאָכטער, ווען עס זאָל רעגענען מיט דוקאַטען.

פראַנציִשקאַ. צו וואָס רעדט דער פּאַפּאַ אַזוי? ווערסטו צוריק געהן אויף דער סצענע.

ווערמעלסקירך. אפילו אין אַפּען־טעאַטער וועט מען מיך היינט נישט צונעהמען, מיין קינד.

זיבענהאַר. האָט אייך העכסטער עקסנער עפּיס געגעבען אָנ־צוהערען? איך האָב געהערט, אַז אַזוי אין אַלגעמיינעם וויל ער אַלץ לאָזען ביים אַלטען.

ווערמעלסקירך. זעהט אויס, אַז צום אַלגעמיינעם געהער איך נישט.

פרוי ווערמעלסקירך. (קומט צו זעהר אויפגערעגט צום טיש.) הער זיבענהאַר, איך מוז אייך זאָגען! איהר קאָנט מיר גלייבען, הער זיבענהאַר, איך בין אַנ׳אַלטע פרוי, 50 יאָהר בין איך אַלט, כ׳האָב שוין עפּיס געלעבט אויף דער וועלט, נאָר וואָס מען טהוט אונז דאָ אָן, ניין... בנאמנות... הער זיבענהאַר, אַ געמיינהייט איז דאָס, אַ שרעקליכע, אַ גראָבע געמיינהייט, אַ הימעל געשריי איז דאָס, אַ ניעדערטרעכטיגקייט, מעגט איהר מיר גלייבען...

ווערמעלסקירך. אַלטיטשקע מיינע, פאָהר נאָר דו נישט אַרויס. דו וועסט אַזוי גוט זיין זיך צוריקציהען דאָרט, אונטער דיין באַריקאַדע אַרונטער.

פרוי ווערמעלסקירך. וואָס האָט אונזער פראַניע דעם געמיינעם שטיק געטהון אַזוינס?

פראַנציִשקאַ. הער אויף מאַמאַ.

פרוי ווערמעלסקירך. איך וויל נישט אויפהערען, רע־דען וועל איך. מיר דאַרפען דאָס אַלץ פערליעב נעהמען? טאָרען מיר זיך אפשר נישט אַפילו וועהרען, אַז זי וויל אונז צונעהמען אונזער שטיקעל ברויט פון מויל? אַז זי בערעדט געמיין מיין טאָכטער

(צו זיבענהאַר'ן) צי האָט זיך דאָס קינד אויפגעפיהרט עפּיס אונאַנ-שטענדיג קעגען אייך?

ווערמעלסקירך. אַלטע! קום מיט, אַלטע מיינע, אָט אַזוי! רוה דיך אַביסעל אוים. כּין אָבגעשפּיעלט די סצענע! היינט אויף דער נאַכט ווידער אַ רעפּעטיציע.

(ווען ער רעדט, נעהמט ער זי פאַר דער האַנד און פיהרט זי אַרונטער'ן בופעט, מען הערט זי נאָך אַ ווײַלע פון דאָרט שליכצען.)

ווערמעלסקירך. (זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט.) דעם אמת זאָגענדיג, איז זי גערעכט. איך האָב אויך שוין געהערט דער-צעהלען, אַז הענשעל וויל דינגען די שענק. פערשטעהט זיך, זיין ווײַב'ס קאָפּ שטעקט דאָ.

הויפּפּע. ווער דען, אַז ניט זיין ווײַב? וואו עפּיס אַ צרה אין גאַנצען דאָרף איז זי דערינען. אַ טײַוועל ליעגט אין איהר, אין דער הענשעליכע.

פאַביג. אויף דער שענק האָט זי שוין לאַנג געוואָרפען אַנ'אויג.

זיבענהאַר. וואָס איז מיט אייך, הויפּפּע? מען זעהט אייך גאָר נישט.

הויפּפּע. וואָס זאָל זיין מיט מיר? אַנ'אומגליק איז מיט מיר, און געברענגט דערצו האָט אַלץ דאָס ווײַבער'רע, ווער דען, אַז נישט זי? מיט הענשעל'ען האָב איך גוט געלעבט.

פאַביג. איצט געהט זי אין די הויזען.

הויפּפּע. אַ קאַוואַליער צו זיין טויג איך נישט, עפּיס שוין נישט קיין יונגער מאַן. נאָכלויפען נאָך אַ ספּאָדניצע, בין איך קיין בריה נישט, און נאָר דאָס דאַרף זי דאָך! אין דעם געהט עס איהר. אַ היציג ווײַבעל, קאָן מען זאָגען, האָט קיינמאָל נישט גענוג. — פאַר דאָס אָבער — אַרבייטען קאָן איך. פאַר דרײַ אַזוינע יונגע שנעקעס, וואָס זי האָט זיך געשאַפט, אַרבייט איך, פאַר דרײַ אַזוינע פוילע ליידיגגעהערס.

זיבענהאַר. אויף דעם אַלטען הענשעל איז אַ רחמנות.

הויפּפּע. ער אַליין איז דאָך צופריעדען, זאָל איך נעהמען

פארן זארגען? נאר אז ער שטעהט איצט פעסט אויף די פיס, דארף ער צו וויסען, וועמען ער האט דאס צו פערדאנקען. פיל בין איך קיינמאל נישט געוועזען, און אויב ער האט איצט א פערמעגען געמאכט, האב איך א שפּארעוודיגען טייל דערין.

זיבענהאר. געדענקען געדענק איך. איהר האט נאך ביי ווילהעלמ'ס פאטער געדיענט.

הויפּפע. פערשטעהט זיך, געוויס אזוי. און ווילהעלמ'ס פערד האב איך געפילנעוועט אכצעהן יאהר נאכאנאנד, איינגעשפּאנט און אויסגעשפּאנט, ווינטער און זומער געוועזען אין וועג. קיין ברעסלוי בין איך געפאהרען און קיין פרייבורג בין איך געפאהרען, ביז בראמבערג צו האב איך אנגעטריבען, נישט איין נאכט אין וואגען דורכגעשלאפען, אויערען און הענד זיך אבגעפרארען, איך האב ביילען אויף ביידע פיס, אזוי גרויס ווי עפעל. איצט נעהמט ער און ווארפט מיך ארויס, איצט הייסט ער מיך געהן!

פאביג. אלץ דער הענשעליכע'ס קאפּ. ער אליין איז א גוטער.

הויפּפע. צו וואס האט ער זי גענומען! איצט וועט ער זי שוין נישט אזוי גיך פטור ווערען, ער ליעגט, פערפאלען! קוים איז די אלטע צו קבר געקומען, האט ער זיך באלד געאיילט צו דער התונה.

זיבענהאר. ווער האט דען געוואוסט, וואס זי איז.

פאביג. איך האב זי גוט געקאנט; צו גוט, האט ער מיך געדארפט צו פרעגען, איך וואלט איהם געזאגט. — אז ער האט געוואלט די קליינע גוטשע שיקען צו דער מוטער, האט ער קיין בעסער מיטעל נישט געברויכט צו זוכען: נאר געבען איהר האנגא'ן פאר א שטיעף־מאמע'ן.

הויפּפע. נו, יא, מען דארף גאר מעהר נישט רעדען. לייט שאקלען נאר מיט די קעפּ. דאס וועט נאך אמאל ארויסשווימען. פריהער האט מען זיך בלויז געוואונדערט, איצט איז מען זיך שוין משער.

זיבענהאר. דאס אלץ איז נישט מעהר ווי באבע־מעשיות.

(וואלטער, דער פערדען־הענדלער, קומט ארײַן, אין הויכע שטיוועל, א יעגער־קורטקע, א מיץ און א בײַטש. ער זעצט זיך ביי א טישעל און ווינקט צו פראנציסקא, וואס דערלאנגט איהם באלד ביער.)

הויפּע. דאָס זאָגט איהר נאָר אַזוי, די וואַהרהייט ווייסט נאָך דערווייל קיינער נישט. אַז די טוידטע וואָלטען געקאָנט צוריקקומען און רעדען, וואָלט די אַלטע הענשעליכע געהאַט וואָס צו דער־צעהלען. זי האָט נישט געקאָנט לעבען, האָט נישט געוואָלט מעהר לעבען. און דער עיקר, ס'איז נויטיג געווען, זי זאָל שטאַרבען.

זיבענהאַר. הויפּע, געדענקט וואָס איהר זאָגט. זאָל נאָר הענשעל געוואָהר ווערען...

הויפּע. איך בעדאַרף מיך גאָר נישט צו היטען. איך זאָג עס יעדען אין פּנים אַריין. די אַלטע הענשעליכע האָט געמוזט שטאַרבען. צי זיי האָבען זי פערגיפטעט, ווייס איך נישט, איך בין נישט דערביי געווען. מיט'ן גראַדען וועג איז דאָס נישט צוגעגאַנגען. די פרוי איז געווען געזונד, נאָך דרייסיג יאָהר וואָלט זי געקאָנט לעבען.

(זיבענהאַר טרינקט אוים און שטעהט אויף.)

וואַלטער. אַז זי איז געווען געזונד, דאָס קאָן איך עדות זאָגען. וועמען נישט, נאָר מיין שוועסטער האָב איך דאָך געקענט. זי איז געשטאַנען אין וועג, האָט מען זי אָבגערוימט.

(זיבענהאַר געהט רוהיג אַרוים.)

ווערמעלסקירך. מיינע הערען, ווער וויל אַ ליולקע טאַבאַק? (מיט אַ געדעמפּפטער שטימע, פערטרויליך, אַביסעל אַקטיאָריש.) מיינע הערען! איהר פערקריכט אפשר אַביסעל צו וויט? איהר דאַרפט איהם נאָר אָנצוקוקען, ווי ער זעהט אוים. נעכטען, שפּעט ביי נאַכט, איז ער נאָך דאָ געזעסען. ער האָט אַזוי טיעף געזיפצט, אַז מיר איז געוואָרען אַזש ענג אויפ'ן האַרץ.

הויפּע. דאָס בייזע געוויסען זיינס פּלאָגט איהם.

וואַלטער. לאָזט מיך שוין געמאַך מיט הענשעל'ען. ער קריכט מיר שוין פון האַלז אַרוים. איך מיט איהם בין שוין לאַנג אוים מחותנים.

ווערמעלסקירך. ע, ניין! הער זיבענהאַר איז פאָרט גע־

רעכט, ס'איז באמת אַמיטליַיד אויף איהם.

וואַלטער. דער זיבענהאר קאָן זיך זאָגען, וואָס ער וויל. נאָר וואָס איך האָב צו זאָגען וועגען הענשל'ען, דאַרף מיך קיינער נישט צו לערנען.

(הענשעל און דער שמיעד היַלדעבראַנט קומען אַריַין פון רעכטס. הענשעל טראָגט אויפ'ן אָרעם די קליינע בערטאַ, וואָס איז איצט ריינער אָנגעטהאָן, ווי פריהער. צווישען די אַנווע־זענדע הערשט אַ וויַילע אַן'אומבעקוועמע פערוויַרונג.)

ווערמעלסקירך. אַ שענעם גוטען מאָרגען, הער הענשעל!

הענשעל. גוטען מאָרגען, אַלע.

פראַנציסקאַ. נו, בערטאַ, וואָס מאַכט מען?

הענשעל. זאָג: אַ שענעם דאַנק! קאָנסט נישט רעדען? — וואָס זאָל מען מאַכען — אַזוי! גוטען מאָרגען, שוואָגער! (ער גיט וואַלטער'ן קאַלט די הענד, יענער — אויך אַזוי) וואָס הערט זיך, ווי געהט עס?

וואַלטער. ווי זאָל עס מיר געהן? אַביסעל בעסער, וואָלט אויך נישט געשאַדט. דו ביזט דאָך געבאָרען פאַר אַ ניאַנקע צו קינדער.

הענשעל. יאָ, יאָ, ביזט שוין באַלד גערעכט.

וואַלטער. מען זעהט דיך גאָר נישט אָהן דעם מיידעל קאָנסט זי נישט ביַי דער מאַמע'ן לאָזען?

הענשעל. זי האָט שטענדיג צו שאַרען און צו וואַשען, די קליינע שטעהט איהר אין וועג. (ער זעצט זיך אויף דער באַנק ביַי דער וואַנד, נעבען בופעט, נישט וויַיט פון שוואָגער, דאָס קינד אויף דער שויס. אַנטקעגען איהם נעהמט פּלאַץ הילדעבראַנט.) וואָס מאַכט מען הילדעבראַנט? וואָס וועלען מיר טרינקען, אויף אַ קופעל ביער האָבען מיר פערדיענט. צוויי קופעל ביער און צוויי בראָנפען!

הילדעבראַנט. איך האָב געקריגען אַ זעץ פון דעם פערד מיט דער קאָפּיטע.

הענשעל. אַ זשרעבעק נאָך, און שטאַרק איז עס פאַר פיער פערד. — גוטען מאָרגען, האופּפע.

האופּפע. — מאָרגען.

הענשעל. — — — ער איז נישט אויפגעלעגט עפּיס. לאָמיר איהם לאָזען צופריעדען.

פאַביג. הער הענשעל, קויפט עפּיס ביי מיר. אפשר אַ נאָדעל־טעשיל פאַר דער מאַדאַם, אַ קעמעלע אפשר, אַ שען קעמעלע אין די האָהר אַריינצושטעקען (אַלע לאַכען) זשאָרזש, דער קעלנער, האָט אויך איינס געקויפט.

הענשעל. (לאַכט גוטמוטיג צוזאַמען מיט אַלע.) לאָז מיך צורוה מיט דיין קראָם (צו ווערמעלסקירך.) גיט איהם אַ קופעל ביער אויף מיין רעכנונג. — אַ פרעהליך מענשעל, פון וואַן נעהמט ער זיך דאָ אַהער?

הילדעבראַנט. דאָס איז דאָך פאַביג, הוכט זיך, פון קוילסדאָרף. דער גרעסטער שלימזל אין גאַנצען געגענד.

הענשעל. דאָס קליינע היה׳לע איז דאָך אויך פון קוילסדאָרף.

פאַביג. (צו בערטאַ.) מיר וועגען דאָך עפּיס אַלטע בעקאַנטע, נישט וואַהר?

בערטאַ. גיב אַ צוקער־ניסל!

פאַביג. זעהט איהר, זי ווייס ווער איך בין. באַלד, איך וועל נאָר זעהן, צי איך האָב עפּיס.

בערטאַ. דרויסען, אין וואָגען.

פאַביג. ניין, דאָ אין דער טאַש. (ער גיט איהר אַ צוקערעל.) נו, זעהסטו, מיידעלע, פון די שענקען קומסטו נישט אַרויס, פריהער האָט זיך דער זיידע מיט דיר אַרומגעשלעפט, איצט — מיט ווילהעלם הענשעל.

הענשעל. הער נאָר דו! פאַר מיר זאָלסטו נישט זאָרגען! שוין אויסגעזאָרגט. אָבגערעדט, פערשטעהסטו מיך!

(געאָרג קומט אַריין לעבעדיג פון ביליאַרד־צימער.)

געאָרג. (ער בעמערקט נישט הענשל׳ען.) דאָס וואָלט איך נישט געגלויבט, ווי אין אַ פאַס געהט אין איהם אַריין. אויפשרייבען, פריילין פראַנציסקאַ, אויף קרעדיט. ביער, פינף וועגען מיר.

פראַנציסקאַ. (האָט גענומען אויף די הענד בערטאַ׳ן און געדט מיט איהר הינטער׳ן בופעט.) בערטאַ לאָזט נישט, איך קאָן נישט איצט.

געאָרג. װעמען איך זעה? העט הענשעל איז דאָך אויך דאָ!

הענשעל. (בעמערקט נישט געאָרג׳ן. צו הילדעבראַנט׳ען.) דײַן געזונד, הילדעבראַנט (שלאָגען די גלעזער און טרינקען.)

פאַביג. (צו געאָרג׳ען, װאָס איז אַביסעל צורודערט און האָט פערדרײַכערט אַ ציגאַר און געזעצט זיך בײַ אַ טישעל.) זאָגט נאָר, העט זשאָרזש, איהר קאָנט, דוכט זיך, כשוף־מאַכען?

געאָרג. געװיס. פאַר װאָס רעכענט איהר אַזוי?

פאַביג. פאַר אַ װײַלע זענט איהר פּלוצלינג פערשװאונדען געװאָרען און נישטאָ!

געאָרג. װאָס האָב איך מיך געהאַט מיט איהם אַרײַנצולאָזען! איך מיט זיבענהאַר׳ען קאָנען קײנמאָל נישט אויסקומען.

פאַביג. (מאַכט די מימיק פון אַ פּאַטש.) מען דערצעהלט עפּיס: ס׳האָט געהילכט. (לאַכט, איבערגעהענדיג צו הויפּפּע׳ן) דו האָסט געװאונען, זאָגט מען אויף דער לאָטעריע?

הויפּפּע. דו אַף אײנער! (מען לאַכט.)

פאַביג. אַנ׳אַף בין איך, דאָס איז װאָהר.

הענשעל. (צו הויפּפּע׳ן) צי איז עס װאָהר: דו ביזט איצט בײַ רענטװיכען?

הויפּפּע. — װאָס געהט דאָס דיך אָן?

הענשעל. (לאַכט גלײַכגילטיג.) קוקט נאָר אָן די קרומע בריאה. װאו מען ריהרט איהם אָן, שטעכט ער.

װאַלטער. דו זאָלסט דאָ באַלד װערען אונזער װירט.

הענשעל. (ער האָט איהם אַ װײַלע אָנגעקוקט פערװאונ־דערט.) איך װײס גאָר נישט דערפון.

װאַלטער. איך האָב געמײנט. איך געדענק נישט, װער ס׳האָט מיר דאָס געזאָגט.

הענשעל. (האָט אַ טרונק געגעבען. רוהיג.) ס׳האָט איהם אַ װדאי געחלומ׳ט, דעם, װאָס האָט אײך דאָס דערצעהלט.

(פּויזע.)

הילדעבראַנט. אין דעם הויז װערט איצט אַלץ איבער־געקעהרט. װער װײסט װאָס דערפון װעט אַרױס. דאָס זאָג איך אײך נאָר: נאָך זיבענהאַר׳ען װעט איהר נאָך אַלע בענקען.

הענשעל. (צו הויפּפּע׳ן.) װאָלסט אַמאָל אַריבערגעפאָהרען

קיין לאַנדסהויט. איך האָב דאָרט שטעהן צוויי נייע פערד, וואָלסט זיי מיר געקאָנט ברענגען.

הויפפע. דו קאָנסט מיך — ראָס'ען, פערשטעהסטו מיך.

הענשעל. (לאַכענדיג, דאָך רוהיג.) איצט קאָנסטו פאַכען מיט דער נשמה, געהט עס מיך נישט אָן.

הויפפע. פערקעהר דיר דיין מיסט פאַר דיין טהיר.

הענשעל. גוט, גוט. זאָל שוין זיין גוט.

הויפפע. האָסט גענוג מיסט אַרויסצוואַרפען אין דיין אייגען הויז.

הענשעל. הער, הויפפע. בנאמנות, ס'איז מיר נישט ליעב. נאָר געדענק, אויב דו ווילסט דאָ מאַכען אַנ'אַוואַנטורע, קריגסטו אַרויסגעוואָרפען פון דאַנען.

ווערמעלסקירך. רוהיג, מיינע הערען, רוהיג! רוהיג!

הויפפע. דו האָסט דאָ קיין דעה נישט צו זאָגען, נישט דיין הויז. איך האָב דאָ אַזוי פיעל צו זאָגען ווי דו. איהר וועט מיר נישט דאָס מויל פערמאַכען, נישט דו, נישט דיין ווייב. און איהר קאָנט אייך בילען וויפיעל איהר ווילט, איך האָב אַ גרויסע זאָרג מיט אייך ביידען צוזאַמען.

(הענשעל נעהמט אָן הויפפע'ן פאָרענט פאַר דער ברוסט, ער טהוט עס רוהיג, מען דערקענט נישט, אַז ער זאָל זיין אויפגערעגט. הויפפע ווערט זיך אָהן נוצען און ווערט צו־געשלעפט צו דער טהיר. ביי דער שויבען־טהיר קעהרט זיך הענשעל אום, עפענט די קליאַמקע מיט דער לינקער האַנד און וואַרפט איהם אַרויס. אין פערלויף פון דער סצענע פיהרט זיך אַזאַ געשפרעך:)

הויפפע. לאָז, זאָג איך דיר, לאָז אָב, זאָג איך!

ווערמעלסקירך. הער הענשעל, דאָס האָט קיין פנים נישט, דאָס קאָן איך נישט צולאָזען.

הענשעל. איך האָב דיך געוואָרענט. איצט איז שפעט.

הויפפע. ווערגען ווילסט דו מיך! לאָז, זאָג איך. נישט דיין שטוב!

פרוי ווערמעלסקירך. (הינטער'ן בופעט.) וואָס איז

דאס? שען זעהט דאס אויס, לודוויג. דו דארפסט דאס נישט דער־ליבען.

פאביג. (ווען הענשעל און הויפפע זענען שוין נאהענט ביי דער טהיר) לאזט זיי, איהר וועט גאר נישט מאכען. ער האט א גבורה פון אנ'אטלעט. אטיש וועט ער אויך אנגעהמען מיט די ציינהן און אויפהויבען, און קיין גלעזיל וועט נישט אומפאלען. זאל ער נאר וועלען, זאג איך אייך, וועלען מיר אלע צוזאמען ליגען הינטער דער טהיר. (הויפפע איז ארויסגעווארפען, הענשעל קומט צוריק.)

הענשעל. (ער זעצט זיך; אלע שווייגען.) ער לאזט נישט צורוה. — אנ אנטשעפעניש.

ערשטער פייער־לעשער. (וואס איז אריינגעקומען פון ביליארד־צימער און געטרונקען א שנאפס ביים בופעט.) איך וויל צאהלען. בעסער זיך אבצוטראגען פון דאנען בייציטענס. מען קאן נאך מיך אויך ארויסווארפען.

ווערמעלסקירך. ע, וואס — טרינקט ליעבער נאך א גלאז ביער. דאס האט נאך געפעהלט. דערוויל בין איך נאך דא דער בעל־הבית.

וואלטער. אויב דו וועסט זיך אזוי פיהרען, ווילהעלם, און וועסט שטעדן הינטער'ן בופעט אויף ווערמעלסקירכ'ס ארט, וועסטו קיין סך געסט נישט האבען, מעגסט מיר גלויבען.

הענשעל. אזוינע געסט דארף מען נישט נויטיג.

וואלטער. אויסבראקירען געסט וועסטו נישט. הויפפע צאהלט נישט מיט קיין שארבענס, נאר מיט געלד, ווי אלע.

הענשעל. פון מיינעטסוועגען זאל ער צאהלען מיט וואס ער וויל. און איצט הער מיך אויס, וואס איך וועל דיר זאגען: דער־מאהן מיר נישט וויעדער די שענק. איך האב דיר שוין געזאגט: איך נעהם זי נישט. וואלט איך זי געהאט צו דינגען, האב איך דער ערשטער געדארפט צו וויסען דערפון. פערשטעהסט? אז איך וועל האלטען ביי דינגען, וועל איך באלד זאגען, וועסטו מיר געבען עצות. און וועט דיר נישט אנשטעהן אריינקומען צו מיר, איז פערפאלען, וועל איך מיר אהן דיר מוזען בעגעהן.

(דער פייער־לעשער אב, א קלאפ געבענדיג מיט דער טהיר.)

וואַלטער. מען דאַרף אויך גייען... (מאַכט ווי ער וויל צאָהלען.)

ווערמעלסקירך. הער הענשעל, דאָס איז קיין יושר נישט. איהר פערטרייבט מיר אַלע געסט.

הענשעל. גאָט דו מיינער! זאָגט מיר, וואָס בין איך שולדיג, אַז ער איז אַנטלאָפען. פון מיינעטסוועגען, זאָל ער דאָ זיצען ביז מאָרגען פריה.

וואַלטער. (לעגט צוריק דאָס געלד, אַליץ מעהר און מעהר אין כעס.) דו האָסט קיינעם נישט פון דאַנען אַרויסצוואַרפען. ביזט דאָ נישט קיין בעל־הבית!

הענשעל. — וואָס נאָך וועסטו זאָגען?

וואַלטער. צו זאָגען איז דאָ גענוג, מען ווישט זיך אָב דאָס מויל און מען שווייגט נאָר. שענע זאַכען! ווערמעלסקירך קאָן זיי אַם בעסטען דערצעהלען.

ווערמעלסקירך. איך? וואָס עפּיס איך? האָט איהר גע־הערט?!

הענשעל. (ענטשלאָסען, נאָר צוריקגעהאַלטען.) וואָס ווייסט איהר? וואָס? אַרוים דערמיט! — איינער ווייס דאָס, דער צווייטער יענץ, און צוזאַמען ווייסען זיי אַ פייג.

(פויזע.)

וואַלטער. (טאָן־ענדערונג.) ווען דו וואָלסט געווען דער הענשעל פון אַמאָל! ווער ווייס אָבער, וואָס אין דיר איז אַריין! אַ מענש האָט געהאַט עפּיס אַ ווערט, פון נאָהענט און ווייט איז מען געקומען פרעגען אַן־עצה ביי ווילהעלם הענשעל, און וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען הייליג, קאָן מען זאָגען, איצט איז מיט דיר נישט אָנצוהייבען גאָר.

הענשעל. ווייטער, נאָר ווייטער!

וואַלטער. פערשטעהט זיך, האָסט אַליין אויגען. פריהער האָסטו געהאַט בלויז גוטע פריינד, איצט קומט קיין מענש צו דיר נישט אַריין; וואָלט עמיץ שוין יאָ געוואָלט אַריינגעהן צו דיר, וועט ער אין דרויסען בלייבען צוליעב דיין ווייב. צוואַנציג יאָהר האָט דויפּע ביי אייך געדיענט, מיט אַמאָל האָט ער אויפגעהערט צו געפעלען דיין ווייב, און דו, דו נעהמסט איהם פאַרן קאַרק און

ווארפסט איהם ארויס! וואס איז דאס? זי בעדארף נאר א וואונק צו גע-
בען מיט אנ'אויג, שפרינגסט דו שוין און לויפסט, אנשטאט צו נעהמען
א געזונדטען שטריק און ארויסיאגען איהר די פליי פון דער נאז.

הענשעל. הערסט נישט שטיל זיין! שוין, אויפ'ן ארט, נעהם
איך דיך אויף פאר'ן קארק.

געארג. (צו הענשלען.) געעהרטער הער הענשעל! (ווערט
נאר נישט בייז. איהר זעהט דאך מיט וועמען איהר טענה'ט: אײדעלער
רעדען קאן ער נישט (טראגט זיך אב שנעל אין ביליארד-צימער
אריין.)

וואלטער. א, יא! אויף דיר קאן מען גלויבען. קומט אײנער
און זאגט דיר דעם אמת אין פנים אריין. נעהמסטו איהם פאר'ן
קארק. פאר דאס קאן דיך אזא גאר-נישט, אזא ליידאק, ווי געארג,
בעטריגען טאג און נאכט. ער, און דיין ווייב — נאך מעהר. דו
ווילסט מען זאל דיך נארען, זאל זיין! נאר אויב דו האסט נאך
דיינע אויגען פון קאפ נישט פערלוירען, עפען זיי, קוק דיך אום,
קוק אן דעם יונגאטש — אין העלען טאג בעטריגען זיי דיך!

הענשעל. (וויל אנפאלען אויף איהם, האלט זיך איין.) וואס
האסטו געזאגט? וואס? — גאר נישט! שוין גוט!

(פויזע.)

פאביג. אנאפריל-וועטער האבען מיר היינט. דא רעגענט,
דא שיינט ווידער די זון.

הויפמע'ס שטים (פון דרויסען.) איך וועל דיר נאך בע-
צאהלען, ווארט נאר! מיר וועלען זיך דורכרעדען, אין סוד וועלען
מיר רעדען.

וואלטער. (טרינקט אויס און שטעהט אויף.) אדיע! האב
מיר נישט פאר איבעל.

הענשעל. (לעגט זיין לינקע האנד-אויף זיין ארעם.) דא
ווערסטו בלייבען! האסט געהערט?

וואלטער. וואס ווילסטו נאך?

הענשעל. איך וועל דיר שוין זאגען. דו בלייבסט דא,
זאג איך דיר. (צו פראנציסקא) געה ארונטער, מיין ווייב זאל קומען.
(פראנציסקא אב.)

ווערמעלסקירך. ליעבער הענשעל, אום גאטעס ווילען,

מאַכט מיר נישט דאָ קיין סקאַנדאַל. איך וועל נאָך האָבען היינט די פּאָליציי ביי מיר. איך...

הענשעל. (ברעכט אויס אין אַ שרעקליכער וואוט. מיט אַ בלוי־רויט געזיכט) אַלע אייך — וועל איך טויט שלאָגען — !!
האַננאַ מוז קומען, דאָ אַהער, אויף דעם אָרט דאָ!

וואַלטער. (אין שרעק.) ווילהעלם, ווילהעלם, טהו נישט קיין נאַרישקייטען. איך האָב גאָר־נישט געמיינט צו זאָגען, בנאמנות, גאָר נישט. מאַלע וואָס לייט זאָגען...

הילדעבראַנט. ווילהעלם, דו ביזט דאָך אַ גוטער יונג. בערוהיג דיך. ווי זעהסטו אויס? דו האָסט דאָך געריטשעט ווי אַני־אָקס. וואָס איז מיט דיר געוואָרען? אין גאַנצען הויז הערט מען דיך!

הענשעל. זאָל הערען ווער עס וויל. דאָ בלייבסטו, און האַננאַ וועט דאָ אַהער קומען.

וואַלטער. צו וואָס זאָל איך דאָ בלייבען? איך ווייס נישט וואָס צו זאָגען. דיינע זאַכען געהען מיך נישט אָן. איך מיש מיך נישט אַריין און וויל מיך נישט אַריינמישען.

הענשעל. האָסטו דיר געדאַרפט פריהער איבערצולעגען.

וואַלטער. וואָס מיר האָבען נאָך צווישען זיך, וועט שוין דער סוד פסק'ענען. וועט מען זעהן, ווער גערעכט איז. מיין געלד וועל איך אָבנעהמען. דיין ווייב וועט עס זיך פריהער נאָך גוט איבערלעגען, עהדער זי וועט געהן פאַלש שווערען. און ווייטער דאָס אַליץ געהט מיך נישט אָן. איך זאָג דיר, לאָז! איך האָב קיין צייט נישט, קיין האַרטזוי מוז איך פאָהרען, איך קאָן נישט וואַרטען.

(זיבענהאַר קומט ווידער אַריין.)

זיבענהאַר. וואָס איז דאָ געוועזן?

ווערמעלסקירך. ביי גאָט, איך ווייס נישט. איך ווייס נישט, וואָס הער הענשעל וויל.

הענשעל. (האַלט אַליץ פעסט וואַלטער'ן) האַננאַ זאָל קומען, ווייטער גאָר נישט.

פרוי ווערמעלסקירך. (צו זיבענהאַר'ן.) געסט זיצען און טרינקען רוהיג ביער, קומט הער הענשעל, הייבט זיך אָן צו קריגען, גלייך די שטוב וואָלט זיין געוועזן.

זיבענהאַר. (בערוהיגט זי מיט אַ בעוועגונג פון דער האַנד.) שאַ! שאַ! גענוג! (צו הענשל'ען.) וואָס איז געשעהן, הער הענשעל?

הענשעל. ניט איך בין שולדיג, הער זיבענהאַר. ניט איך בין שולדיג, אַז ס'איז געקומען דערצו. איהר קאָנט טראַכטען פון מיר, וואָס איהר ווילט — ניט מיין שולד, הער זיבענהאַר.

זיבענהאַר. וואָס דאַרפט איהר רעדען, הער הענשעל? איך קען אייך פאַר אַ רוהיגען מענש.

הענשעל. נאָך פאַר אייער טאַטען האָב איך דאָ געוואוינט. און זאָלען אַלע מיינען — איך זאָג אייך: ניט מיין שולד! איך ווייס אַליין ניט, וואָס אַזוינס איך האָב געטהון, אַז פון אַלע זייטען בייסען זיי. אַנ'אַוואַנטורניק בין איך קיינמאָל ניט געווען. און אַט האָבען זיך אַלע אָנגעלעגט אויף מיר. דער־דאָזיגער מענש האָט דערצעהלט וועגען מיין ווייב זאַכען, וואָס ער מוז בעווייזען. אַ ניט — זאָל מיך גאָט שטראָפען!

זיבענהאַר. וואָס געהט דאָס דיך אָן, וואָס זיי רעדען.

הענשעל. בעווייזען! בעווייזען. אַ ניט — שטראָף מיך גאָט!

וואַלטער. — איך קאָן בעווייזען, איך וועל בעווייזען. ווייניג מענשען וועסטו געפינען, וואָס ווייסען דאָס אַזוי גוט ווי איך, אַז דיין ווייב איז אויף אַ שלעכטען וועג. ניט איך בין שולדיג. איך וואָלט עס דיר ניט געזאָגט; האָב איך מיך געוואָלט לאָזען שפייען אין פנים אַריין פון דיר? קיין ליגנער בין איך ניט, דעם ריינעם אמת זאָג איך. פון מיינעטסוועגען פרעג וועמען דו ווילסט. פרעג דעם הער זיבענהאַר און זאָל ער מיט דיר רעדען אָפען. די פייגעלעך אויף אַלע דעכער שרייען דערפון, און נאָך אַנדערע זאַכען דערצו.

זיבענהאַר. איהר זאָלט אייך פריהער איבערלעגען, וואָס איהר רעדט!

וואַלטער. ער גייט מיך, איך זאָל רעדען. זאָל ער מיך אָב־לאָזען. וואָס האָב איך צו ליידען פאַר פרעמדע עברות? איהר ווייסט דאָך אַליץ אַזוי גוט ווי איך. ווי האָט איהר געלעבט מיט הענשל'ען פאַר זיין ערשטער פרוי! וואָס מיינט איהר, מען ווייס ניט? איהר טרעט דאָך איצט זיין שוועל ניט איבער.

זיבענהאַר. וואָס מיר האָבען צווישען זיך, דאָס איז פרי־

וואַכט=וואַכען. איך ערלויב אייך נישט זיך אַריינצומישען.

וואַלטער. אַז פריש און געזונד שטאַרבט אַ פרוי פּלוצלינג און אַכט וואָכען דערנאָך שטאַרבט גוטשע אָב, דאָס, דוכט זיך, איז שוין מעהר עפּיס פון פריוואַט=וואַכען.

הענשעל. וואָס? — זאָל האַננאַ קומען.

(האַננאַ קומט אַריין פּלוצלינג, גיך, אַזוי ווי זי קומט פון דער אַרבייט, ווישט זיך די נאַסע הענד.)

האַננאַ. וואָס געוואַלדעוועסטו אַזוי?

הענשעל. — גוט, דו ביזט געקומען! — ער דאָ זאָגט...

האַננאַ. (וויל געהן) פערדרעהט אַ קאָפּ מיט נאַרישקייטען?

הענשעל. דאָ זאָלסטו בלייבען!

האַננאַ. איהר האָט אייך אָנגעשפּו'רט, אַלע צוזאַמען? וואָס איז אייך געקומען אין קאָפּ אַריין? איך וועל דאָ בלייבען, איהר זאָלט האָבען, פון וואָס צו לאַכען! (וויל געהן.)

הענשעל. איך זאָג דיר... דער מענש זאָגט, אַז...

האַננאַ. פון מיינעטסוועגען, זאָל ער רעדען וואָס ער וויל.

הענשעל. אַז דו ביסט מיר אונטריי אויף אַלע זייטען.

האַננאַ. וואָס? וואָס? וואָס? וואָס?

הענשעל. איז דאָס וואָהר? מעג ער אַזוי זאָגען? — און אַז... אַז מיין ווייב...

האַננאַ. איך? געמיינע ליגענד! (וואַרפט די שערץ פאַר די אויגען און אַנטלויפט.)

הענשעל. אַז איך... אַז מיין ווייב... ביידע צוזאַמען... אַז מיין קינד... גוטשע... שוין גוט! שוין גוט! (לאָזט אָב וואַלטער'ן און האָרקענדיג לאָזט ער אַראָב דעם קאָפּ אויפ'ן טיש.)

וואַלטער. איך וועל נישט לאָזען מאַכען פון מיר אַ ליגנער!

———

פינפטער אקט.

דאס זעלבע צימער פון די ערשטע דריי אַקטען. נאכט. דער שיין פון דער לבנה שלאָגט אריין דורכ'ן פענסטער, געננג העל. אין צימער איז קיינער נישטאָ. פון דער האנדלונג, וואס אין 4-טען אקט, זענען איינגאנצען עטליכע טעג אריבער. — מ'צינדט אָן פייער אין דער קאַמער; אין עטליכע סעקונדען ארום קומט אריין הענשעל מיט א ליכט אין א בלעכענעם לייכטער, אנגעטהון אין לע־דערנע הויזען, אין פאַנטאָפעל. פאַמעליך געהט ער צו ביז צו'ם טיש, קוקט זיך אום נאַכלעסיג דאָ הינטער זיך, דאָ צו'ם פענסטער, שטעלט אנידער דאס ליכט אויפ'ן טיש און זעצט זיך נעבען פענסטער. לעהנט אָן דעם קאָפּ אויף דער האנד און קוקט אויף דער לבנה.

הַאַנְנַאַ. (פון קאַמער, מען זעהט זי נישט.) הענשעל! הענשעל! וואָס טהוסטו דאָרטען? — גאַנצע נעכט וואַנדעלט ער אַרום! (זי קוקט אַריין, האַלב אָנגעטהון.) וואו ביזטו? געה שלאָפען! ביינאַכט שלאָפט מען. מאָרגען וועסטו ווידער נישט קאָנען אַרויספאָהרען. ווידער וועט ער ליגען אין דער היים, ווי א קלאָץ, און אין הויף אין דרויסען געהט אַלץ קאַפויר. (געהט אין גאַנצען אַרויס פון קאַמער, אָנגעטהון ווי זי איז פון בעט אַרויס, דערנעהנטערט זיך צו הענשעל'ען ענגסטליך און איהם בעטראַכטענדיג.) וואָס טהוסטו דאָ?

הענשעל. — — איך?

האַננאַ. וואָס זיצסטו אַזוי און ענטפערסט מיר נישט?

הענשעל. — איך קוק אויף די וואָלקענעס.

האַננאַ. וואָס זאָגט איהר דערצו! מ'קאָן משוגע ווערען פון איהם. וואָס האָסטו דאָרטען איבען צו זעהן, וואָלט איך וועלען וויסען. נאַ דיר אַ נייעס! מאָרדעווע זיך אַזוי נאַכט פאַר נאַכט! קיין שטיקעל מנוחה האָט מען נישט. וואָס קוקסטו? עפען ס'מויל אויף!

הענשעל. (ווייזט אויפ'ן הימעל.) דאָרטען זענען זיי.

האַננאַ. דיר הלומ'ט זיך עפּיס, צי וואָס? הער, ווילהעלם, האָרך! לעג דיך אין בעט אַריין און שלאָף דיך אוים. — דאָרטען אויבען זענען וואָלקענעס און ווייטער גאָר נישט.

הענשעל. ווער אויגען האָט, דער זעהט!

האַננאַ. און ווער ס'איז פעררוקט, פערליערט זיין פערשטאַנד,

הענשעל. משוגע בין איך נישט.

האַננאַ. איך זאָג נישט, אַז יאָ. נאָר ביי אַזאַ אויפפיהרען קאָנסטו זיכער פון זינען אַראָב. — מיר איז קאַלט (זי ציטערט, טהוט אָן אַקאַפּטאַן, רודערט אויף מיט'ן אַייזען דאָס אַש אין אויווען.)

הענשעל. ווי שפּעט איז?

האַננאַ. אַפיערטעל אויף צוויי.

הענשעל. וואָס האָסטו איבערגעהאָנגען דעם זייגער? ער איז דאָך געהאָנגען ביי דער טהיר.

האַננאַ. וואָס קומט דיר אין קאָפּ אַריין! ער הענגט וואו ער האָט געהאָנגען.

הענשעל. (הייבט זיך אויף.) איך געה אַרונטער אין שטאַל אַריין.

האַננאַ. איך זאָג דיר: שלאָפען געה! אַגעוואַלד וועל איך מאַכען, מ'זאָל זיך צוזאַמענקומען פון אַלע זייטען. אין שטאַל האָסטו איצט נישט וואָס צו טהון. ביינאַכט ליעגט מען אין בעט!

הענשעל. (בלייבט רוהיג שטעהן און קוקט זי אָן.) גוטשע וואו איז?

האַננאַ. וואָס ווילסטו שוין ווידער האָבען? זי ליעגט אין בעט און שלאָפט. וואָס האָסטו שטענדיג מיט איהר צו טהון? ס'וועט איהר גאָר נישט זיין, איך טהו איהר גאָר-נישט.

הענשעל. ס'וועט איהר גאָר-נישט זיין. זי איז איינגעשלאָפען. ביי'צייטענס געגאַנגען שלאָפען — גוטשע! פון איהר רעד איך נישט בערטאַ'ן מיין איך.

האַננאַ. (וויינט, פערשטופּט זיך דאָס מויל מיט דער שערץ.) איך וועל אַנטלויפען פון דאַנען, איך וועל דאָ נישט בלייבען!

הענשעל. — געה שלאָפען, געה! איך קום באַלד אַריין. דיין געוויין וועט איצט נישט העלפען. איין גאָט ווייסט, ווער ס'איז שולדיג. נישט דיין זאַך! גאָט אין הימעל און איך, מיר ביידע ווייסען.

(פערשליעסט די טהיר מיט'ן שליסעל.)

האננא. (שליעסט גיך צוריק אויף.) וואס פערשליעסטו? איך וועל מיך נישט לאזען פון דיר פערשליעסען!

הענשעל. איך וויים אליין נישט, צו וואס איך האב די טהיר פערשלאסען.

האננא. זיי, די שענע מענשען, האבען דיר דעם קאפ פערדרעהט. זיי וועלען נאך האבען צו זינגען און צו זאגען דערפאר. איך בין מיך בעגאנגען מיט דיין קינד, ווי ס'וואלט געווען מיין אייגענס. פון דעם איז זי אוודאי נישט געשטארבען. טוידטע לעבעדיג מאכען קאן איך נישט. ווער ס'האט צו שטארבען, דער שטארבט, און מיט געוואלד האלטען העלפט נישט, ער מוז געהן זיין וועג. גוטשע איז שטענדיג געווען א שוואך בעשעפעניש'על, דאס וויים'טו אזוי גוט ווי איך. וואס פרעגסטו אלץ און קוקסט מיך אן, פונקט ווי איך וואלט איהר, גאט וויים, וואס געטהון?

הענשעל. (מיט אונצוטרוי.) דאס קאן אויך זיין. דאס איז אויך מעגליך.

האננא. (פאר כעס אויסער זיך.) מען זאל מיר דאס פריהער זאגען, בעטלען וואלט איך ליעבער געגאנגען! אה, גאט גאט! פאר וואס האב איך דאס פריהער נישט געוואוסט?! און איצט מוז איך מיך אננעהמען אזוינע זארג! איך האב געוואלט אוועקגעהן פון דאנען. ווער האט מיך דען געהאלטען דא? ווער? מיין ברויט וואלט איך מיר אומעטום פערדיענט. קיין זארג האב איך נישט געהאט, אר־בייטען קאן איך. דו, דו האסט מיך נישט אבגעלאזט. איצט האב איך מיין לוין! איצט האב איך אויסצושטעהן!...

הענשעל. אפשר אויך וואהר: איצט האסטו אויסצושטעהן; מוזט פאר ליעב נעהמען. וואס קאן א מענש העלפען? (שליעסט ווידער צו די טהיר.)

האננא. זאלסט אפען לאזען, ווילהעלם! — איך וועל מאכען א געוואלד.

הענשעל. — פסט... שטיל זיי! האסט געהערט? דרויסען אין קארידאר געהט עמיץ. הערסט? ס'געהט צום פעסיל וואסער. הערסט פלעסקען? ס'שטעהט דארט און וואשט זיך.

האננא. הער דו! ווילהעלם! דיך חלומ'ט! דאס פעסיל שטעהט דא!

הענשעל. יאָ, יאָ, איך ווייס. מיר וועלען גאָר נישט העלפען. וועך ס'ווייס, דער ווייס. (האַסטיג) ווייטער זאָג איך גאָר נישט. — קום, קום, מיר געהען שלאָפען. מיט דער צייט וועט זיך אַלץ אויסהיילען. (וועהרענד דער געהט צו דער קאַמער, שליעסט האַננאַ שטיל אויף די טהיר און גנב'ט זיך שנעל אַרויס.)

הענשעל. (נעהמט אַראָב די בייטש, וואָס ליעגט איבער דער טהיר, וואָס פיהרט אין קאַמער.) דאָס איז דאָך מיין אַלטער טריעסטער שטעקען. ווי קומט ער אַהער? שוין מעהר ווי אַ יאָהר האָב איך איהם נישט געזעהן: געקויפט נאָך פאַר מיין מאַמע'ס לעבען! (הערכט צו.) וואָס זאָגסטו? — געוויס! — אַודאי אַזוי! — גאָר נישט! — אַז יאָ, פאַר וואָס נישט, שוין גוט! — איך ווייס שוין, וואָס איך האָב צו טהון! — איך וועל נישט זיין איינגע־שפאַרט! — לאָז דו אויך שוין אָב.

(הורך דער האַלב־אָפענער טהיר קומט אַריין זיבענהאַר. ער מאַכט מיט דער האַנד צו ווערמעלסקירך'ן, וואָס געהט איהם נאָך, ער זאָל בלייבען אין דרויסען. האַננאַ'ן אויך אַזוי. ער איז אין גאַנצען אָנגעטהון, נאָר וואָס אָנשטאָט אַ קראַגען טראָגט ער אַ זיידען טיכעל אַרום האַלז. ווערמעלסקירך אין שלאַפראָק.)

זיבענהאַר. גוטען אָבענד, הער הענשעל! וואָס? איהר שלאָפט נאָך נישט? איהר זעהט עפּיס נישט אין גאַנצען? וואָס פעהלט אייך?

הענשעל. (נאָכדעם ווי ער האָט איהם שטאַרק אָנגעקוקט אַ ווייַלע, ענטפערט איינפאַך.) איך קאָן נישט שלאָפען. קאָן קיין אויג נישט צומאַכען. איך וואָלט עפּיס איינגענומען צום שלאָף, איך ווייס נישט, ווי אַזוי עס איז געוואָרען. איין גאָט ווייסט, וואָס ס'טהוט זיך.

זיבענהאַר. איך וועל אייך עפּיס זאָגען, מיין אַלטער פריינד! לעגט אייך איצט שלאָפען אין בעט, און מאָרגען פריה וועל איך צו אייך שיקען דעם דאָקטאָר. איהר מוזט זיך ערנסט נעהמען עפּיס צו טהון.

הענשעל. מיר וועט אַודאי שוין קיין שום דאָקטאָר אויף דער וועלט נישט העלפען.

ז י ב ע נ ה אַ ר. דאָס זאָגט נישט, מיר וועלען ערשט זעהן. דער דאָקטאָר ריכטער איז אַ גאַנץ געניטער. מיין פרוי איז וואָכען־לאַנג נישט געשלאָפען, דער קאָפּ איז איהר שיער נישט צושפּרונגען פון היעהטאָג. מיטוואָך האָט זי גענומען אַ פּראָשעק, און איצט שלאָפט זי דורך די גאַנצע נעכט ווי געה'הרג'עט.

ה ע נ ש ע ל. יאָ, יאָ! הלוואי וואָלט איך נאָר געקאָנט שלאָפען, וואָלט שוין גוט געווען. — צי איז די מאַדאַם טאַקי באמת קראַנק?

ז י ב ע נ ה אַ ר. וואָס דער וואָהרהייט, איז איטליכער פון אונז איצט נישט אין גאַנצען. זאָל נאָר דער מאָנטאָג דורכגעהן, וועלען מיר זיך ווידער אײַנאָרדנען ווי ס'איז.

ה ע נ ש ע ל. מאָנטאָג גיט איהר איבער דאָס געשעפט?

ז י ב ע נ ה אַ ר. יאָ, האָפענטליך, וועל מיר ביז מאָנטאָג מאַכען אַנ'ענדע. דערווייל איז דאָ שרעקליך פיעל אַרבייטען, אויפנעהמען דעם אינווענטאַר, אַלץ פערשרייבען, אַז איך קאָן מיך קוים אויסטהון. הערט, הענשעל, געהט שלאָפען. איינעם דריקט דאָ, דעם צווייטען — דאָרט. דאָס לעבען איז נישט קיין קינדער־שפּיעל. יעדער האָט זיין פּעקעל צו שלעפּען. און אַז אייך איז עפּיס אין קאָפּ אַריין, נעהמט עס נישט אַזוי צום האַרץ.

ה ע נ ש ע ל. אַ שענעם דאַנק אייך, הער זיבענהאַר. און זייט מיר מוחל, בעט איך אייך, אויב איך האָב אַמאָל עפּיס געזינדיגט קעגען אייך. בלייבט מיר געזונד, איהר און אייער פרוי.

ז י ב ע נ ה אַ ר. מיר זעהען זיך דאָך מאָרגען ווידער, הענשעל. איהר האָט מיר נישט פאַר וואָס צו דאַנקען. מיר האָבען זיך איינער דעם אַנדערן אַמאָל אַ טובה געטהון, אויף דעם זענען מיר דאָך שכנים. איצט לײַדער ווערען מיר אויס שכנים, וואָס קאָן מען טהון? נאָר מיר זענען געווען גוטע פריינד, און איך האָף, אַז מיר וועלען אויך אויף ווייטער בלייבען.

ה ע נ ש ע ל. (ער מאַכט שווייגענדיג עטליכע טריט צום פענסטער און קוקט אַרויס.) אָט אַזוי, מיין ליעבער הער, געהט עס אויף דער וועלט. די צייט שטעהט נישט אויף איין אָרט. דער קליינער קאַרל איז אויך שוין לאַנג נישט געווען ביי אונז... וואָס איז דאָ צו זאָגען? זיי זענען גערעכט אייך: קיין גוטס קאָן מען זיך ביי אונז נישט אָבלערנען. פריהער האָט דאָס אַנדערש אויסגעזעהן.

ז י ב ע נ ה אַ ר. הענשעל! איצט ווייס איך שוין באמת נישט, וואָס איהר מיינט צו זאָגען.

ה ע נ ש ע ל. איהר זענט אויך נישט איבערגעטרעטען מיין שוועל... שוין דריי פיערטעל יאָהר, מיין איך, זענט איהר נישט געווען ביי מיר אין שטוב.

ז י ב ע נ ה אַ ר. אַזוי פיעל זאָרג אויפ׳ן קאָפּ געהאַט!

ה ע נ ש ע ל. פריהער, אַז איהר האָט געהאַט אַ זאָרג, זענט איהר טאַקי ערשט געקומען. ניין, ניין! איך ווייס. און גערעכט זענט א י ה ר. אַלע זענען גערעכט קעגען מיר. איך האָב מיך נישט מיט וואָס צו בערימען אין מיין הויז.

ז י ב ע נ ה אַ ר. הענשעל, רוהט אייך איצט אויס.

ה ע נ ש ע ל. ניין, ניין, מיר קאָנען נאָך אַביסעל רעדען. זעהט איהר: אין אַלעם בין איך אַליין שולדיג. איך ווייס, אַז דאָס אַליין איז מיין שולד, און רעכט אַזוי! גוט! נאָר נאָך עהדער איך האָב זי גענומען — האַננאַ׳ן מיין איך — האָט זיך דאָס אומגליק שוין אָנגעהויבען, און פאַמעליך, אַזוי ביסלעכווייז איז עס געקומען. גאָר צום ערשטען איז מיר צובראָכען געוואָרען דער פיש־ביינענער שטעקען. דערנאָך — איך געדענק עס ווי היינט — בין איך איבערגעפאָהרען מיין הונד, דעם שענסטען, וואָס איך האָב געהאַט. דערנאָך זענען מיר געפאַלען דריי פערד איינס נאָכ׳ן אַנדערען, איינער פון זיי — דער שענער אָגיער, וואָס האָט געקאָסט דריי הונדערט טאָלער. צום לעצטען איז מיר דאָס ווייב געשטאָרבען. איך האָב צוגעקוקט און געטראַכט, אַז איצט האַלט עס ביי מיר. נאָר אַז דאָס ווייב איז מיר געשטאָרבען, איז געקומען אַזאַ מינוט און איך האָב מיר איבער־געלעגט: אפשר וועט שוין זיין גענוג. אַ סך איבריג איז מיר שוין נישט געבליבען. און דאָך זעהט איהר: דאָס אומגליק האָט נישט אָב־געלאָזט. וועגען גוטשע׳ן רעד איך נישט, אַז גאָט שטראָפט און מען פערליערט אַ ווייב, פערליערט מען מיט דאָס קינד. נאָר ניין! אַ נעטץ האָט מען אויסגעשפּרייט פאַר מיינע פיס, און איך בין אַליין אַריינגעקראָכען אין איהר.

ז י ב ע נ ה אַ ר. ווער האָט פערשפּרייט אַ נעטץ?

ה ע נ ש ע ל. אפשר האָט דאָס דער טייוועל געטהון, אפשר עמיץ אַנדערש. איינס נאָר ווייס איך: דערוואָרגען מוז איך ווערען.

(פויזע.)

זיבּענהאַר. דאָס איז אַנ'אומגליקליכע אידעע...

הענשעל. ניין, ניין! איך שפּאַר מיך נישט. פון מיר איז געוואָרען אַ פערדאָרבּענער מענש, נאָר טהון האָבּ איך גאָר נישט געקאָנט. ביסלעכווייז האָט עס מיך אַריינגעצויגען. און אפשר בּין איך יאָ שולדיג: ווער ווייס? האָבּ איך געדאַרפט אַכטונג געבּען, וואָס איך טהו. דער טייוועל איז קלוגער פאַר מיר. איך בּין מיר שטענדיג געגאַנגען מיט'ן גראַדען וועג.

זיבּענהאַר. איהר אַליין זענט אייער ערגסטער שונא. איהר קעמפּפט מיט אייערע איינבּילדונגען, וואָס האָבּען קיינמאָל און ערגעץ נישט עקזיסטירט. דער טייוועל האָט אייך גאָר נישט געטהון, אין קיין שום גֶעטצען זענט איהר נישט אַריינגעפאַלען, און קיינער ווערגט אייך נישט. דאָס אַליץ זענען נאַרישקייטען, געפעהרליכע איינ־בּילדונגען און נישט מעהר.

הענשעל. דאָס וועלען מיר ערשט זעהן, מיר וועלען אָבּ־וואַרטען.

זיבּענהאַר. זאָגט מיר ליעבּער קלאָר, אין וואָס דאָ געהט. איהר וועט זעהן, אַז ס'איז אינגאַנצען אַ גאָרנישט. איהר זענט נישט קיין פערדאָרבּענער מענש, און ס'איז נישט וואָהר, וואָס איהר זאָגט, אַז איהר האָט עפּיס אַ שולד אויפ'ן געוויסען.

הענשעל. דאָס ווייך איך בּעסער.

זיבּענהאַר. וואָס פאַר אַ שולד?

(פּויזע.)

הענשעל. דאָ, אויף אָט דעם אָרט, איז אַ בּעט געשטאַנען, זי איז דערין געלעגען, — דאָ האָבּ איך איהר מיין וואָרט געגעבּען. געגעבּען האָבּ איך עס, און געבּראָכען האָבּ איך עס.

זיבּענהאַר. אויף וואָס — אַ וואָרט?

הענשעל. איהר ווייסט דאָך: איך האָבּ נישט וואָרט גע־האַלטען, און פערפאַלען. — בּאַלד דעמאָלט בּין איך אַ פאַרטיגער געוואָרען... האָבּ פערשפּיעלט — — — איצט זעהט איהר: קאָן זי קיין רוה נישט געפינען.

זיבּענהאַר. איהר רעדט פון אייער געשטאָרבּענער פרוי?

הענשעל. יאָ, יאָ, אָט דאָס רעד איך פון איהר. — זי האָט קיין רוה נישט אין קבר. — — — איך געה אין שטאַל

צו די פערד, זי איז דאָ — נעהם דאָס מעסטעל האָבער, זעה איך זי שטעהן הינטער דער טהיר. דעם זייגער האָט זי איבערגע־האָנגען אויף אַנ׳אַנדער אָרט; זי קלאַפּט אין דער וואַנד, קראַצט אויף די שויבען. — זי לעגט מיר אַ פינגער אויפ׳ן האַרץ, דערשטיק איך מיך שיער, קוים איך קאָן דעם אָטעם האַפּען. אָ, איך וויים גוט, וואָס איך רעד. מען דאַרף אַליין געפּרובט צו זיין מיט אַזעלכע זאַכען, אַז מען זאָל זיי פערשטעהן. דערצעהלען איז שווער. נאָר איך אַליין קאָן דאָס וויסען, איהר מעגט מיר גלויבען.

(פויזע.)

זיבענהאַר. הענשעל, נאָך איין וואָרט הערט מיך אויס. נעהמט צוזאַמען אַלע אייערע כחות, שטאַרקט אייך און זייט אַ מענש. געהט און פרעגט אַ דאָקטאָר. טראַכט אַזוי: איך בין קראַנק, איך בין זעהר קראַנק, און די דאָזיגע איינבילדונגען שלאָגט אייך אַרויס פון קאָפּ. פאַנטאַזיעס זענען דאָס, טוישונגען פון אייער מאַרך.

הענשעל. דאָס האָט איהר דעמאָלט אויך געזאָגט, אַזוי אָדער עפּיס עהנליך.

זיבענהאַר. ס׳קאָן זיין. און איך זאָג איצט אויך דאָס זעלבע. און וואָס אַנבעלאַנגט דער הייראַט, האָט איהר געהאַט דאָס פולע רעכט אַזוי צו טהון. און פון אַ זינד, פון אַ שולד איז נישטאָ צו רעדען.

(ווערמעלסקירך ווייזט זיך)

ווערמעלסקירך. קומט צו מיר, הענשעל. מיר וועלען אָנצינדען דעם גאַז און שפּיעלען אין קאָרטען. מען קאָן צוטרינקען אַ גלאָז ביער, אָדער וואָס איהר ווילט, און פערריכערען אַ פּייפע. זאָלען זיי נאָר קומען די נישט־גוטע. אין צוויי שעה אַרום איז טאָג, טרינקט מען קאַווע און מען געהט זיך איבער שפּאַצירען. און זאָל זיך דער טייוועל לעגען אין דער לענג און אין דער ברייט, מוזט איהר צוריק ווערען דער זעלבער הענשעל ווי פריהער.

הענשעל. יאָ, יאָ, ס׳קאָן זיין. מ׳קאָן פּרובען.

ווערמעלסקירך. אַלזאָ — מאַרש.

הענשעל. צו אייך אַהיים געה איך מעהר נישט.

ווערמעלסקירך. אַלץ די נאַרישע היסטאָריע דעמאָלט?

נאַרישקייטען! הייס איך וואָס! איינער דעם אַנדערען האָט נישט פערשטאַנען. איצט איז דאָך אַלץ קלאָר געוואָרען. הויפפען'ן לאָז איך מעהר נישט איבער מיין שוועל אַריבער, ער איז טאַקי שטענדיג שפּור. וואָס אַ מענש האַפּט זיך נישט אַמאָל אַרויס מיט אַ וואָרט אין כעס! פון איין אויער אַריין, פון אַנדערען אַרויס דאַרף עס צו געהן, דאָס איז מיין כלל, און אַזוי דאַרף מען טהון.

הענשעל. דאָס איז אַם בעסטען. איהר זענט גערעכט. נאָר ניין — אין שענק אַריין קום איך נישט מעהר. אפשר וועל איך מיך נעהמען אַ סך אַרומצופאָהרען. אומעטום וועט זי מיר דאָך נישט נאָכגעהן. און איצט געהט אייך שלאָפען געזונדערהייט, מיך שלעפערט אויך.

זיבענהאַר. פיללייכט וועט איהר גאָר אַרויפגעהן צו מיר, הענשעל? ביי מיר אויבען איז ליכטיג, אין בויזא איז געהייצט, וועלען מיר מאַכען אַ קערטעל אין דרייען, — איך וועל אַזוי ווי אַזוי שוין נישט געהן שלאָפען איצט.

הענשעל. יאָ, אַזוי קאָן מען טאַקי טהון, שוין לאַנג האָב איך נישט געשפּיעלט אין קאָרטען.

האַננאַ. יאָ טאַקי, געה אַרויף. דו קאָנסט דאָך סיי־ווי־סיי נישט שלאָפען.

הענשעל. איך וועל נישט אַרויפגעהן! האָסטו געהערט?

האַננאַ. אויב דו בלייבסט דאָ, געה איך פון דאַנען אַוועק. דער ווייסט דיך, וואָס דיר קאָן נאָך איינפאַלען צו טהון היינט ביינאַכט! ווידער וועסטו זיך אָנהויבען צו שפּיעלען מיט'ן מעסער. יאָ יאָ! נעכטען האָט ער דאָס געטהון. אַז אַ מענש איז נישט זיכער דאָ מיט'ן לעבען.

הענשעל. מיר פאַלט נישט איין אַרויפצוגעהן צו איהם. ער איז געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט מיך צוגערעדט דאָס צו טהון, און אַליין איז ער געוועזען דער ערשטער מיך צו פעראַכטען.

זיבענהאַר. איך האָב אייך קיינמאָל נישט פעראַכטעט, הער הענשעל. איהר זענט אַנ'עהרען־מאַן דורך און דורך, רעדט אייך נישט איין קיין נאַרישקייטען. מיט אַ מענשען טרעפט פער־שיעדענס. דאַרף מען דולדען, אויסהאַלטען, ס'איז נישט לייכט. קראַנק, זעהט איהר, זענט איהר געוואָרען, נאָר געבליבען זענט איהר דער זעלבער אָרענטליכער מאַן, וואָס איהר זענט געוועזען;

מײַן קאָפּ גיעב איך דערויף.

הענשעל. אפשר זענט איהר גערעכט, העד זיבענהאַר, גוט שוין! מיר װעלען פון עפּיס אַנדערש רעדען, איהר זענט דאָ גאָר נישט שולדיג, דאָס האָב איך שטענדיג געזאָגט, און צו מײַן שוואָגער קאָן איך אויך גאָר־נישט האָבען. מן הסתם ווייס ער, פון וועמען דאָס שטאַמט, — זי געהט דאָס אַרום צווישען מענשען און פערצעהלט. אומעטום איז זי, דאָ דאָרט, דאָ דאָ. בײַ'ם ברודער געווים אויך ג'עוועז.

ווערמעלסקירך. ווער האָט דאָס אַרומגעהן צווישען מענשען? עס קומט קיינעם נישט אין קאָפּ אַרײַן. און די גאַנצע מעשה, הענשעל, האָבען אַלע שוין לאַנג פערגעסען.

הענשעל. אויף מיר בלײַבט עס הענגען, מען מעג דרעהען וואו אַהין מען וויל. זי ווייסט שוין אײן מאָל, ווי אָנהויבען צו טהון. אומעטום איז זי, און יעדען דערצעהלט זי דאָס. און ווען מענשען זאָלען די זאַך פערשווײַגען, און נישט קוקען אויף מיר פון אַלע זײַטען, ווי אויף אַ הונד — אַליין איינס, ס'וועט נישט העלפען, אויף מיר בלײַבט עס הענגען.

זיבענהאַר. הענשעל, מיר געהען נישט אָב פון דאַנען, ביז איהר וועט אײַך דאָס נישט אַרויסשלאָגען פון קאָפּ אַרויס, איהר מוזט אײַך אין גאַנצען פריהער בערוהיגען.

הענשעל. איך בין בײַ'ם זינען. איך בין דאָך גאַנץ רוהיג.

זיבענהאַר. אַלזאָ גוט. מיר קאָנען דאָך אַמאָל אָפען רעדען. איהר זעהט איצט, אײַער ווײַב בעדויערט וואָס געווען. דער קעלנער איז אַוועק, וואו דער פעפער וואַקסט, איהר וועט מעהר זײַן פנים נישט זעהן. יעדער מענש קאָן געשטרויכעלט ווערען, עס מעג זײַן ווער ס'וויל. איצט גיט אײַך, גאַנץ איינפאַך, די הענד. פערגעסט דאָס אַלטע, שליעסט גאָר פשוט שלום צווישען אײַך.

הענשעל. שלום שליעסען האָב איך נישט וואָס. (צו האַננאַ'ן) פון דעסטוועגען, די האַנד קאָן איך דיר געבען. אַז דו ביסט אַ פעהלען טריט בעגאַנגען, זאָל דיך גאָט משפּט'ען דערפאַר. איך דערפאַר דיך שטראָפען וויל נישט. וואָלט איך נאָר וויסען — איך מײַן חעגען גוטשען — ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט אַזוי צי אַזוי.

האַננאַ. איהר קאָנט מיך דאָ טוידט לאָזען אויפ'ן אָרט, פון מײַנעטסוועגען. די מינוט זאָל איך שטאַרבען, אויב איך האָב

גוטשעָ'ן פון דער וועלט געבראַכט.

הענשעל. אָט דאָס זאָג איך דאָך: אויף מיר בלייַבט אַלץ הענגען. — מאָרגען קאָן מען דאָך ווייַטער רעדען דערפון. און עהדער מיר וועלען אַלץ אָפּרעדען, וועט נאָך גענוג וואַסער דורכ־פליעסען דעם טייַך.

ווערמעלסקירך. הייצט אַייך אונטער געזונד דעם אויוועָן און קאָכט אַייך קאַווע. נאָך אַ רעגען שייַנט ווידער אויף די זון. צווישען מאַן און ווייַב פיהרט זיך שוין אַזוי פון אייביג אָן. אָהן דונערען און בליצען געהט נישט. נאָר נאָך אַ שטורם הייבט ערשט אַלץ אָן רעכט צו וואַקסען. און דער עיקר איז — אַ, אַ, אַ (ער מאַכט בעוועגונגען, ווי מען שאָקעלט אַ קינד אין אָרעם.) דאָס מוז זייַן, דאָס מוזט איהר זעהן צו קריגען דורכאויס. (ער גיט הענשל'ען אַ קלאַפּ אויפ'ן אַקסעל.) דער אַלטער האָט נישט פייַנד די זיבען זאַכען. זעהט שוין, איהר זאָלט אַייך פונדעוועָן אַזאַ שפּיעלעכעל וואָס גיכער. לעבעדיג, ווילהעלם הענשעל! צו'ם טייַוועל! אַזאַ ריעזען־יונג ווי דו זאָל לאַנג קלערען! אַ גוטע נאַכט אַלע צוזאַמען!

זיבענהאַר. אַלץ געהט דורך, נאָר מוטה!

ווערמעלסקירך. נאָר קאַלטבלוטיג, און האַלטען זיך ווי אַ מענש.

(זיבענהאַר און ווערמעלסקירך אָב.)

הענשעל. (געהט צו פּאַמעליך צו דער טהיר און וויל זי פערשליעסען.)

האַננאַ. זאָלסט אָפען לאָזען!

הענשעל. פון מייַנעטסוועגען. וואָס טהוסטו דאָרט?

האַננאַ. (וואָס האָט געמאַכט פייַער אין אויוועָן, שטעלט זיך האַסטיג אויף.) זעהסט דאָך: איך מאַך פייַער.

הענשעל. (האָט זיך שווער אַניעדערגעזעצט בייַ'ם טיש.) דו קאָנסט אויך די לאָמפּ אָנצינדען. (רוקט אויף דאָס שופלאָד.)

האַננאַ. וואָס זוכסטו דאָרט?

הענשעל. גאָר נישט.

האַננאַ. טאָ פערמאַך (געהט אַליין צו און רוקט אַרייַן דאָס שופלאָד.) דו ווילסט נאָך בערטאַ'ן מיר אויפוועקען?

(פויזע.)

ה ע נ ש ע ל. מאָנטאָג ציהט ער זיך אַרוֹיס, מיר בלייבען אַליין.

ה אַ נ נ אַ. ווער?

ה ע נ ש ע ל. נו, זיבענהאַר. ווער ווייסט, ווער ווייסט, ווי מיר וועלען אויסקומען מיט דעם נייעם.

ה אַ נ נ אַ. דער נייער האָט געלד, וועט ער ביי דיר נישט באָרגען.

ה ע נ ש ע ל. — האַננאַ! איינער פון אונז מוז געהן פון וועג. איינער פון אונז ביידען. יאָ, יאָ, אַזוֹי איז עס. קאָנסט מיר קוקען גלייך אין די אויגען אַריין. אַזוֹי וועט זיין און נישט אַנדערש.

ה אַ נ נ אַ. הייסט עס, איך קאָן געהן פון דאַנען? יאָגסט מיך אַרוֹיס?

ה ע נ ש ע ל. דאָס וועט מען ערשט זעהן, ווער ס'האָט צו געהן. אפשר האָב איך דאָס צו געהן אַוועק פון דאַנען, אפשר — דו. געה איך... איך ווייס גאַנץ גוט, דו וועסט דיר דאָס נישט צום האַרץ נעהמען. צו פערד און וואָגען טויגסטו אַליין ווי דער בעסטער מאַנספערשוין. נאָר נישט דאָס מיין איך.

ה אַ נ נ אַ. אויב איינער פון אונז זאָל אָבטרעטען, טרעט איך אָב. כה האָב איך. איך געה מיר, און קיין לעבעדיגער מענש זעהט מיך דאָ נישט מעהר. די פערד, די וועגען, די זאַכען — דאָס איז דיין אייגענס. דו דאַרפסט נישט אָבטרעטען פון דיין פאָטערס נחלה. וועל איך געהן — און אַנ'עק!

ה ע נ ש ע ל. ביי דעם בלייבט עס נאָך נישט, נאָר פאַמעליך.

ה אַ נ נ אַ. וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען? אוים איז אוים.

ה ע נ ש ע ל. (הייבט זיך שווער אויף און געהט צו דער קאַמער צו.) און בערטאַ? וואָס וועט ווערען פון דעם קינד?

ה אַ נ נ אַ. צום טאַטען וועט זי צוריק קיין קוילסדאָרף.

ה ע נ ש ע ל. (אין דער טהיר פון דער קאַמער.) זאָל שוין רעכט זיין, מאָרגען איז אויך אַ טאָג. ווי זאָגט זיבענהאַר? אַלץ געהט דורך. (פון דער קאַמער.) מאָרגען וועט אַלץ האָבען אַנ'אַנדער פנים.

(פויזע.)

ה ע נ ש ע ל. (מען זעהט איהם נישט.) בערטאַ ליעגט שוין וויעדער אין איין שווייס.

ה אַ נ נ אַ. זאָל זי אַביסעל דורכשוויצען, דאָס קאָן נישט שאַד־טען. מיר רינען אויך טראָפּען שווייס פון פנים. אַזאַ לעבען! (עפענט

דאָס פענסטער.) בעסער שוין דער טויט.

הענשעל. וואָס רעדסטו? איך האָב נישט געהערט.

האַננאַ. לעג דיך אויפ'ן אויער און לאָז מיך צופריעדען.

הענשעל. וועסט נישט אַריינקומען אַהער?

האַננאַ. עס טאָגט שוין (ציהט אָן דעם זייגער.)

הענשעל. ווער ציהט דאָרט אָן דעם זייגער?

האַננאַ. האַלט שוין ס'מויל! אַז בערטאַ וועט אויפקומען, וועלען מיר ווידער האָבען אַ לעבען. וועט זי ווידער קוויטשען אַ האַלבע שעה. (זי זעצט זיך פּאַמעליך ביים טיש און לעהנט זיך אָן אויף ביידע עלענבויגענס.) אַם בעסטען איז אָבצוטראָגען זיך פון דאַנען.

(זיבענהאַר קוקט אַריין.)

זיבענהאַר. איך בין נאָך אַמאָל געקומען. אייער מאַן איז שוין איצט רוהיג?

האַננאַ. יאָ, יאָ. ער האָט זיך געלעגט שלאָפען. (זי רופט) ווילהעלם! ווילהעלם!

זיבענהאַר. פּסט! דאַנקט גאָט, אַז ער שלאָפט. געהט אַליין אויך שלאָפען. (געהט אָב.)

האַננאַ. וואָס האָב איך בעסערס צו טהון. איך וועל פּרובען. (זי געהט צו צו דער קאַמער, ביי דער טהיר בלייבט זי שטעהן, האָרכט אויף פערוואונדערט.) ווילהעלם! ווילהעלם! קאָנסט דאָך ענטפערען! (העכער, ענגסטליכער.) ווילהעלם! ווילסט מיך שוין ווידער איבערשרעקען?! דו מיינסט, איך וויים נישט, אַז דו שלאָפסט נישט? (נאָך ענגסטליכער.) ווילהעלם! איך זאָג דיר... (בערטאַ ערוואַכט און וויינט.) בערטאַ, איך זאָג דיר, זאָלסט זיין שטיל! איך וויים נישט, וואָס איז דאָ געשעהן?!... ווילהעלם! ווילהעלם (כמעט מיט אַ געשריי.)

זיבענהאַר. (קוקט ווידער אַריין.) וואָס איז, פרוי הענשעל?

האַננאַ. איך שריי און ער ענטפערט נישט.

זיבענהאַר. זענט איהר פון זינען אַראָב? וואָס טהוט איהר?

האַננאַ. דאָ איז עפּיס שטיל אַזוי. ס'איז עפּיס געשעהן.

זיבענהאַר. וואָס? — — — (ער נעהמט דאָס ליכט און

געהט צו דער קאַמער־צי.) הענשעל, איהר ווענט שוין אײַנגע־שלאָפען? (ער געהט אַרײַן.)

(פויזע.)

האַננאַ. (שרעקט זיך אַרײַנצוגעהן.) וואָס איז דאָרט? וואָס איז אַזוינס געשעהן?

(ווערמעלסקירך קוקט אַרײַן.)

ווערמעלסקירך. ווער איז דאָרט?

האַננאַ. הער זיבענהאַר. — ס'איז אַזוי שטיל, ס'ענטפערט קיינער נישט. —

זיבענהאַר. (שנעל, טויט־בלאַס, קומט צוריק, בערטאַ'ן אויף דער האַנד.) פרוי הענשעל! נעהמט דאָס קינד און געהט אַרויף צו מײַן פרוי.

האַננאַ. (דאָס קינד אויפ'ן אָרעם.) אום גאָטעס ווילען! וואָס איז געשעהן?!

זיבענהאַר. איהר וועט שוין געוואָהר ווערען.

האַננאַ. (מיט אַ געשריי, און אָנהויב צוריקגעהאַלטען, דער־נאָך אויסברעכענד.) געוואַלד, ער האָט זיך אַמעשה אָנגעטהון! (אָב מיט'ן קינד.)

ווערמעלסקירך. רופען אַ דאָקטאָר?

זיבענהאַר. צו שפּעט. ער קאָן איצט גאָר נישט העלפען.